בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא

248

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲתָו אֱמוּנָה

פַארְוָואס שְׁרַייבְּט אִיר אַזוֹי שַׁארְף, קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן?......ג

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ קוּקְט דוּרְךְ מַיין טֶעלֶעפָאן?......ו

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַשְׁגִּיחַ לָאזְט מִיר נִישְׁט מַאכְן הֲפָצָה אִין יְשִׁיבָה?......ז

ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג אִין צַייט פוּן מִלְחָמוֹת?......י

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען צִיטֶערְט פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אֶפְשָׁר אִיז עֶר נִישְׁט עֶרְלִיךְ?......יב

מִיט דִי הַדְרָכוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ שְׁמִירַת עֵינַיִם......טו

קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ פּוּרִים, אֲפִילוּ אָן טְרִינְקֶען וַויין?......יז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק......א

אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל......ב

נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם, נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן......ג

לֵייג גִּלְיוֹנוֹת אִין דִי שׁוּלְן וָואס מֶען דַארְף עֶס......ה

אֵיינֶער דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל......ה

מֶען טָאר נִישְׁט טַעְנָה'ען מִיט אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן......ו

שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ פוּן אִיר צְנִיעוּת......ז

אַז מֶען הוֹיבְּט אָן אַ גוּטֶע זַאךְ, דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק דָאס אָנְצוּהַאלְטְן......ח

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת......י

ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן......יא

לָאז נִישְׁט דַיין לֶעבְּן חָרוּב גֵיין......יב

ווִיל פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה......יג

אַז דַיין וַוייבּ דַארְף דַיין הִילְף מִיט דִי קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן......טו

שְׁטֵיי שְׁטַארְק אִין דַיין מִלְחָמָה......טו

מֶען דַארְף לֶעבְּן אַ שׁוּתְּפוּת'דִיגֶע לֶעבְּן......יז

מַאכְט אַייךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת......יז

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ בָּארְגְן גֶעלְט......יח

דִי שֶׁענְסְטֶע פְלַאץ וואוּ צוּ זַיין יוֹם טוֹב, אִיז אִין שְׁטוּבּ......יח

אַז דִי בְּרִיווּ מַאכְן אַייךְ דֶערפְּרֶעסְט, זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט לֵיינֶען ..... יט
לָאז מִיךְ אָפּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין עַזּוּת פְּנִימ'עֶר בַּיי מִיר ..... כ
נִישְׁט זַיין קַיין עָנָיו וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינ'ס וֶוערְטֶער ..... כא
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן מַיין אֱמוּנָה ..... כב
מוֹהֲרַא"ש הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אֱמֶת ..... כב
בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן זִיךְ מֶער צוּכַאפְּן צוּם דַאוֶוענֶען ..... כד
לָאזְט אָפּ דִי דִמְיוֹנוֹת, טְרַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..... כד
דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אִיז צוּ הָאבְן כֹּחַ ..... כה
קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן וֵוייסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם מַאן מִיט שֶׁעצוּנְג אוּן כָּבוֹד ..... כו
הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ ..... כז
אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין פַאלְשֶׁע עֲנָוָה ..... כח
מִיט חָכְמָה קֶען מֶען שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן דִי מַאמֶע אוּן שְׁווִיגֶער ..... כט
מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת ..... לא
מְקָרֵב זַיין דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבוֹת ..... לב
דָאס וָואס מֶען טוּט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט מֶען מִיטְנֶעמֶען לְנֵצַח נְצָחִים ..... לג
אִיר מַאכְט אַזַא גֶעשְׁמַאק צוּ צְנִיעוּת ..... לג
נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער ..... לד
נָאר מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים נֶעמְט מֶען מִיט ..... לד
שְׁטַארְק זִיךְ, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גָאר גוּטֶע טֶעג ..... לה
עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען בַּיי דִיר אִין כִּתָּה ..... לו
אַ מְלַמֵּד מוּז גֵיין אִין מִקְוֶה ..... לו
לֵייג אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט דִי קִינְדֶער ..... לז
שְׁטֵיי אוֹיף דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי ..... לז
דֶער לִימּוּד פוּן שַׁבַּת הַפְּסָקָה ..... לח
אֵיין גוּט וָוארְט גֵייט אַרַיין טִיף אִין דִי בֵּיינֶער פַאר'ן גַאנְצְן לֶעבְּן ..... מ
מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זַיין שְׁטְרֶענְג אָבֶּער פְרֵיילִיךְ ..... מ
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ..... מא
זַייטְס עֶנְק מְחַזֵּק מִיט דִי אַלְטֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף חִינוּךְ ..... מא
דַאוֶוענֶען מִיט הַכְנָעָה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ וִוי פַאר אַ קֶענִיג ..... מב
כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְ'ן בַּאן "רַכֶּבֶת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" ..... מג
דוּרְךְ שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען אַנְדֶערֶע וֶועלְן מִיר קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין גָאר אַסַאךְ פוּן רֶבִּי'ן ..... מג
אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן מוּזְן מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה ..... מד
אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, מֶען מַאכְט אַלֶע שִׂמְחוֹת פָּשׁוּט ..... מו
הַנְהָגוֹת אוֹיסְצוּנִיצְן רִיכְטִיג דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים ..... מז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס שְׁרַייבְּט אִיר אַזוֹי שַׁארְף, קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם גָאר שַׁארְפְן בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען נָאר פַּסְקְ'עֶנֶען מִיתָה אוֹיף מֶענְטְשְׁן? נָאר הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ הַרְגְ׳עֶ נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיף וֶוער עֶס שְׁלָאגְט אַ טַאטֶע אוּן מַאכְט אִים בְּלוּטְן (שְׁמוֹת כא, טו): ״וּמַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת״; אוֹיף וָואס בִּיסְטוּ בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר? אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם אֱמֶת?!**

**טוּ תְּשׁוּבָה וֶועט דִיר גוּט זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, ד): ״אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ״אִם אָדָם עוֹבֵר**

עֲבֵירָה לְפָנַי", אויב אַ מֶענְטְש טוט עֲבֵירוֹת, "אִם חוֹזֵר וְעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", אויב הָאט עֶר חֲרָטָה אויף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און עֶר טוט תְּשׁוּבָה, "הֲרֵי אֲנִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲנִי מְקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", נֶעם אִיךְ אִים צוּרִיק, אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאֵין אֲנִי זוֹכֵר לוֹ אֲפִילוּ מִקְצָת עֲוֹנוֹתָיו", און אִיךְ וֶועל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען קַיין אֵיין עֲבֵירָה; נָאךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שָׁם, פֶּרֶק ו): "בָּנַי, אֲנִי אָמַרְתִּי לָכֶם אֵין חֶפְצִי אֶלָּא בְּרָכָה וּבְמִי שֶׁאֵין בּוֹ עֲבֵרוֹת", אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעזָאגְט אִיךְ ווִיל נָאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, "וְחָזַרְתִּי בּוֹ בִּדְבָרַי", יֶעצְט צִי אִיךְ צוּרִיק, "אֲפִלּוּ יַעֲשֶׂה אָדָם מֵאָה עֲבֵרוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן, "וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה", אויבּ וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְן, עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַשְׁפִּיל אֶת עַצְמוֹ לָאָרֶץ, וְיִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא חֶצְיוֹ זַכַּאי וְחֶצְיוֹ חַיָּב, וְיִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ חַיָּב בְּאָשָׁם תָּלוּי בְּכָל יוֹם", עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אִיךְ דַארְף נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, "הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וּמְקַבְּלוֹ בִּתְשׁוּבָה", - וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת, אִיךְ וֶועל אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאֶתֵּן לוֹ בָּנִים שֶׁל בַּעֲלֵי קוֹמָה וְעוֹסְקֵי בַּתּוֹרָה וּמְקַיְּמֵי מִצְוֹת", און אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן קִינְדֶער צַדִּיקִים.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער עִיקָר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז וִידּוּי דְבָרִים. דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א) יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, - אויבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אויף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוט תְּשׁוּבָה, - דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם, חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ, וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי, וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי און דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אויף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, און דֶער רַמְבַּ"ם פִירְט אויס: "וְכָל

הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת, מִישׁ זִיךְ נִישְׁט בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן; אַז דַיין טַאטֶע מַאמֶע הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ בַּיי דִי קֶעפּ - זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן דֶעם טוֹיזְנְט מַייל. קִינְדֶער טָארְן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין מַחֲלֹקֶת בַּיי טַאטֶע מַאמֶע, אַז דַיין מַאמֶע וֵויינְט צוּ דִיר אַז דַיין טַאטֶע שְׁלָאגְט אִיר - קֶען זִי גֵיין צוּ דִי פָּאלִיצֵיי, דוּ טָארְסְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין צַד.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**ווִי קֶען אַ אִיד הֵייבְּן הֶענְט אוֹיף אַ טַאטֶע?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כא, טו): "וּמַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת", אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט טַאטֶע מַאמֶע - דַארְף מֶען הַרְגְ'נֶען מִיט מִיתַת חֶנֶק; מֶער פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס זִיצְט אִין כּוֹלֵל זָאל צוּקוּמֶען צוּ אַזַא זַאךְ - שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע מַכּוֹת רֶצַח.

פָארִיגֶע וָואךְ הָאסְטוּ מִיר גֶעשְׁרִיבְּן ווִי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר וְכוּ' וְכוּ', יֶעצְט שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן דַיין טַאטְן מַכּוֹת רֶצַח; שׁוֹמּוּ שָׁמַיִם! ווִי קֶען אַ אִיד צוּקוּמֶען צוּ דֶעם? ווִי קֶען אַ אִיד שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע?! אַלֶעס וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלְן עֶנְטְפֶערְן - אִיז נִישְׁט אִינְטֶערְסַאנְט; אֲפִילוּ דַיין טַאטֶע שְׁלָאגְט דַיין מַאמֶע מִיט דַיין זֵיידֶע וְכוּ' וְכוּ' - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין הֶיתֵּר צוּ שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע.

אִיךְ פְלֶעג הֶערְן דְרָשׁוֹת בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶועגְן שְׁלָאגְן טַאטֶע מַאמֶע; אִיךְ פְלֶעג זִיךְ ווַאוּנְדֶערְן: 'וָואס? מוֹהֲרָא"שׁ דַארְף רֶעדְן פוּן שְׁלָאגְן טַאטֶע מַאמֶע? ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?!' בִּכְלַל שְׁלָאגְן אַ אִיד - ווִי קֶען

זַיין? נָאר פַאר'ן אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט, פַאר'ן וֶועלְן שְׁלָאגְן - זָאגְט שׁוֹין דִי תּוֹרָה "רָשָׁע!" חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:): "אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ, הַמַּגְבִּיהַּ יָדוֹ עַל חֲבֵירוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הִכָּהוּ נִקְרָא רָשָׁע שֶׁנֶּאֱמַר 'וַיֹּאמֶר לָרָשָׁע לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ'; לָמָּה הִכִּיתָ לֹא נֹאמַר, אֶלָּא לָמָּה תַכֶּה, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הִכָּהוּ נִקְרָא רָשָׁע", פוּן דָא לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן - נִקְרָא רָשָׁע.

יֶעצְט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דַיין טַאטֶע אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גֶע'הַרְגְ'עט מַכּוֹת - דֶערְמַאנְט דָאס מִיר דִי דְרָשׁוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווִי עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן יַד אַבְשָׁלוֹם. אַבְשָׁלוֹם, דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ יַד אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ זִכָּרוֹן פוּן אִים. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער קֵיסָר נַאפָּאלִיאָן אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם יַד אַבְשָׁלוֹם הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס אִיז, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט אַבְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַ הַאנְט וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגְן אַ טַאטֶע - טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן", אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל עֶס אַרָאפְּבְּרֶעכְן. מֶען זֶעט הַיינְט נָאר דֶער בִּנְיָן, אָבֶּער דִי הַאנְט אִיז אַרָאפְּגֶעהַאקְט. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוֹיסְפִירְן: "אֲפִילוּ אַ גוֹי פַארְשְׁטֵייט דָאס, אַז אַ הַאנְט וָואס שְׁלָאגְט אַ טַאטֶע - דַארְף מֶען אָפְּהַאקְן".

טוּ תְּשׁוּבָה, אַז נִישְׁט וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

[...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ קוּקְט דוּרְךְ מַיין טֶעלֶעפָאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ קוּקְט דוּרְךְ מַיין טֶעלֶעפָאן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס דַארְף דִיר דָאס אָנְגֵיין? דַיין וַוייבּ מֶעג קוּקְן דַיין טֶעלֶעפָאן, אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶעמֶען; אַ פְרוֹי וִויל זֶען מִיט וָואס דֶער מַאן אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט, עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן.**

**נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, רֶעד צוּ אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס; רֶעד צוּ אִים אִין דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה) **אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת - נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַשְׁגִּיחַ לָאזְט מִיר נִישְׁט מַאכְן הַפָּצָה אִין יְשִׁיבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן בְּעֶרֶךְ צְוֵויי יָאר צוּרִיק אוּן אִיךְ לֶערְן אִין דִי יְשִׁיבָה דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן. עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים דָארְט אִין יְשִׁיבָה, נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ, וָואס בֶּעטְן מִיר אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעלֶערְנְט מִיט אַ חֵלֶק פוּן דִי בָּחוּרִים. אָבֶּער נָאךְ אַפָּאר טֶעג וֶוען דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט עֶס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר מִיר אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן מִיר גֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן - וֶועט מֶען מִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי, צוּ מַאכְן הֲפָּצָה, אָדֶער זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן; אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי בָּחוּרִים אוֹיבּ זֵיי ווִילְן מַאכְן דֶעם שִׁיעוּר עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען? וָואס זוּכְסְטוּ אָנְצוּרֵייצְן דִי מַשְׁגִּיחִים?! אַז דוּ ווִילְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה קֶענְסְטוּ דָאס טוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי יְשִׁיבָה וואוּ דוּ לֶערְנְסְט, בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וְכוּ׳, אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן מַשְׁגִּיחִים; טְשֶׁעפֶּע זִיךְ נִישְׁט, מַאךְ נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן.

דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס וֵויינֶען אַז מֶען הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן זֵייעֶר יְשִׁיבָה צוּלִיבּ בְּרֶסְלֶב - אִיז לִיגְנְט, מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַרוֹיס בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן חִיּוּת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מֶען וַוארְפְט אַרוֹיס בָּחוּרִים צוּלִיבּ חוּצְפָּה אוּן עַזּוּת; אַז מֶען לַאכְט אִין פָּנִים פוּן דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים - דֶעמָאלְט וַוארְפְט מֶען אַרוֹיס.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי מַחֲלֹקֶת פוּן סְקְוֶוערֶ׳ער חֲסִידִים אוֹיף בְּרֶסְלֶב - אִיז נָאר צוּלִיבּ אַפָּאר בְּרֶסְלֶבֶ׳ער עַזּוּת פְּנִימְ׳עֶר, גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי אַפָּאר בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ מִתְחַצֵּף גֶעוֶוען צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי דָוִד מִסְקְוִוירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן וֶוען זַיין זוּן דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער סְקְוֶוערֶ׳ער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען - הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן וְכוּ׳; אַזוֹי אִיז גֶעוָארְן דִי זַאךְ אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט הֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב אַ לֵץ מִיטְ׳ן נָאמֶען... אוּן עֶס הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי סַאוְורַאנֶ׳ער חֲסִידִים הָאבְּן גֶעשִׁיקְט אַן אֶתְרוֹג פַאר זֵייעֶר

רֶבִּי; יֶענֶע יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אֶתְרוֹגִים, דִי סַאוְורַאנֶ׳ער חֲסִידִים הָאבְּן גֶעצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ פַארְשַׁאפְן אַן אֶתְרוֹג פַּאר זֵייעֶר רֶבִּי, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג פַּאר טֵייעֶר גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן דָאס אַיינְגֶעפַּאקְט אִין אַ טֵייעֶרֶע קֶעסְטְל אוּן גֶעדִינְגֶען אַ שָׁלִיחַ דָאס צוּ טְרָאגְן קַיין סַאוְורַאן.

אוּנְטֶערְוֶועגְנְס הָאט זִיךְ דֶער שָׁלִיחַ צוּגֶעלֵייגְט, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ דְרִימְל, דֶערְוַוייל אִיז אַ גוֹי דָארְט אַרִיבֶּער אוּן דֶערְזֶען דֶעם טֵייעֶרְן קֶעסְטְל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען וָואס עֶס לִיגְט אִינֶעם טֵייעֶרְן קֶעסְטְל, נָאכְן עֶפֶענֶען אוּן זֶען אַז דָאס אִיז אַ פֵּרִי, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט ׳אַז מֶען פַּאקְט אַיין אַ פְּרוּכְט אִין אַ טֵייעֶרְן קֶעסְטְל מוּז זַיין דִי פְּרוּכְט גָאר אַ זִיסֶע׳; עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבִּיסְן אוּן גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן דֶעם בִּיטֶערְן אֶתְרוֹג אוּן דָאס צוּרִיק אַיינְגֶעפַּאקְט אִינֶעם קֶעסְטְל. דֶער שָׁלִיחַ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף, עֶר וֵוייסְט פוּן גָארְנִישְׁט, עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם סַאוְורַאנֶ׳ער רֶבִּי אַן אָפְּגֶעהַאקְטְן אֶתְרוֹג, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּאטְשׁ פַּאר דִי סַאוְורַאנֶ׳ער חֲסִידִים.

דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דֶער לֵץ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים פֶּענְסְטֶער פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קְלוֹיז, אוּן וֶוען סַאוְורַאנֶ׳ער חֲסִידִים זֶענֶען אַרִיבֶּער הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: ״פִּטּוּם הַקְ[-טוֹרֶת]״, יֶעדֶע סַאוְורַאנֶ׳ער חָסִיד הָאט גֶעהֶערְט וִוי אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד שְׁרֵייט: ״פִּטּוּם הַקְ[-טוֹרֶת]״; דָאס הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דֶעם בִּיטֶערְן פֵייעֶר.

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): ״מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע״, וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק - דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג אִין צַייט פוּן מִלְחָמוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קוּק אַרוֹיס אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אַ בַּארוּאִיגוּנְג, אִיךְ צִיטֶער אוּן אִיךְ וַוארְף זִיךְ פַאר שְׁרֶעק; אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶסְן, אִיךְ פַּאנִיק שְׁרֶעקְלִיךְ; אִיךְ הֶער שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁמוּעוֹת פוּן רוּסְלַאנְד אוּן אוּקְרֵיינָא, מֶען הָאט הַיינְט גֶעהֶערְט אַז רוּסְלַאנְד הָאט אִינְוַואדִירְט אוּקְרֵיינָא אוּן עֶס פַאלְן בָּאמְבֶּעס אִיבֶּער גַאנְץ אוּקְרֵיינָא.

ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ ווערן דֶערְשְׁרָאקְן? אִיךְ הָאב שׁוֹין פוּן לַאנְג אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ הֶערְן נַייעֶס, אָבֶּער עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט גֶענְצְלִיךְ פַארְמַיידְן, אִיךְ קוּם אִין שׁוּל אוּן אִיךְ הֶער דִי נַייעֶס, אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן דִי נַייעֶס, דִי פְּחָדִים רוּיבְּן מִיר צוּ מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הֶער שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ פָּאלְג אַלֶעס, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶס קוּמְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַייעֶס נֶעמְט עֶס מִיר זֵייעֶר אִיבֶּער, אִיךְ לוֹיף אוּן אִיךְ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מַיינֶע נֶערְוְון טוּעֶן וֵויי, אִיךְ הָאב מוֹרָא, הִיט מִיךְ, אִיךְ בִּין אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה, עֶס שָׁאקְלְט אִין מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל וָואס אִיךְ טְרַאכְט וָואס עֶס גֵייט זַיין חַס וְשָׁלוֹם".

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה ווי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בֵּייז וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי גְזֵירוֹת וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶס זִיכֶער נִישְׁט טוּן צוּ אוּנְז. וָואס טוּ אִיךְ? ווי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה? עֶס ווערט עֶרְגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז עֶס אִיז פִיל עֶרְגֶער פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, אַבִּיסְל הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארוּאִיגְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי בְּרִיוו וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט מִסְּתָם וֶועט דִי מִלְחָמָה נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה גֵייט עֶס יָא פִיל וַוייטֶער.

אֶפְשָׁר זָאל דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם? בַּיי קָארָאנֶע הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעפַּאנִיקְט, אָבֶּער אִיךְ פִּיל ווי דִי אַלֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן הֲכָנָה צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע. אִיךְ קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. ראֹשׁ יְשִׁיבָה, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ שְׁטַארְבּ!

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; גֵיי מִיט דִי מַחֲשָׁבָה - וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע שְׁרֶעק. וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק קוּמֶען פוּן דִמְיוֹנוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס טְרַאכְט, דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס רוֹדְפְּ'ט זִיךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק יד, הֲלָכָה ג) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ז, טו): "וְהֵסִיר ה' מִמְּךָ כָּל חֹלִי - זֶה רַעֲיוֹן", דָאס מֵיינְט מֶען דִי גֶעדַאנְקֶען, אַזוֹי וִוי רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים כח, מח): "וְנָתַן עֹל בַּרְזֶל עַל צַוָּארֶךָ - זֶה הָרַעֲיוֹן", וָואס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דִי שְׁוֶוערְסְטֶע יָאךְ? דִי דִמְיוֹנוֹת, דִי גֶעדַאנְקֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיס; בִּפְרַט וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעצוֹיגְן, דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן וְכוּ' 'מֶען וֶועט מִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען', 'אִיךְ גֵיי שְׁטַארְבְּן', 'מֶען גֵייט מִיךְ שִׁיסְן'; בֶּאֱמֶת אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס זַיין גְרֶעסְטֶע פַיינְט, קֵיינֶער רוֹדְפְּ'ט נִישְׁט, עֶס אִיז נָאר דִי אֵייגֶענֶע מַחֲשָׁבוֹת; וַוייל וֶוער עֶס טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט פָּטוּר פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

חַזֵר אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן כה): "כְּשֶׁשּׁוֹכְחִים אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם נִשְׁעָנִים עָלָיו, עַל יְדֵי זֶה מִתְפַּחֲדִים מֵאֻמּוֹת", וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן פוּן פֶעלְקֶער.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט

אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וֶועט עֶר נִישְׁט דֶערשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

...

## וָואס טוּט מֶען וָוען מֶען צִיטֶערְט פוּן יֶעדְן מֶענְטְש, אֶפְשָׁר אִיז עֶר נִישְׁט עֶרְלִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא, אָבֶּער אִיךְ מוּז פְרֶעגְן, ווייל עֶס דְרוּקְט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְ'ן הַארְץ.

אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז מַיין שְׁוֶוער אִיז לֵיידֶער אַ גֶעפֶערְלִיכֶער מְנֻוָּל, אַזוֹי ווייט אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט אוּן אִיז מְטַמֵּא דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס הָאט מִיר אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע טְרָאסְט צוּ סֵיי וֶועלְכֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, ווייל מַיין שְׁוֶוער אִיז גָאר אַ פְרוּמֶער אוּן עֶרְלִיכֶער פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶע לַאנְגֶע ווייסֶע בָּארְד, אוּן עֶר הָאט אַלֶע סָארְט חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים.

לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט עֶנְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף נָאךְ אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַלְס אַ מַאמֶע פוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער לֶעבּ אִיךְ מַמָּשׁ אִין אַ שְׁרֶעק, יֶעדֶער מַאן וָואס אִיךְ זֶע טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר אִיז עֶר אוֹיךְ אַזוֹי, עֶר מַאכְט זִיךְ נָאר פְרוּם אוּן בֶּאֱמֶת אִיז עֶר פַארְדָארְבְּן? אִיךְ צִיטֶער פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, וָואס זָאל אִיךְ זֵיי יָא לָאזְן אוּן וָואס נִישְׁט? מִיט וֶועמֶען זָאלְן זֵיי זִיךְ חַבְרְ'ן אוּן מִיט וֶועמֶען נִישְׁט?

וָוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, בֶּעט אִיךְ אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג אוּן עֶרְלִיךְ, קֵיינֶער זָאל זֵיי נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן זֵיי זָאלְן חָלִילָה נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם. אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ נֶעם צוּפִיל דְרוּק אוּן שְׁרֶעק פוּן דֶעם, דָאס שְׁטֶערְט מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן.

ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי פְּחָדִים אוּן מַחֲשָׁבוֹת, אוּן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טְרַאכְטְן אוּן לֶעבְּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען לֵיידֶער דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה קַיָּם, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע סַנְהֶדְרִין - וָואלְט מֶען אַזַא מֶענְטְשׁ גֶעגֶעבְּן סְקִילָה, מֶען וָואלְט אַזַא אֵיינֶעם אַרָאפְּגֶעוָוארְפְּן פוּן אַ הוֹיכֶע גֶעבֵּיידֶע אוּן אִים פַארְשְׁטֵיינֶערְט. קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען קִינְדֶער פַאר זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, עַד כְּדֵי כַּךְ עֶס זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן נֶעמֶען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי שֶׁחְטְ׳ן פַאר זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "דִי אַלֶע וָואס נֶעמֶען קִינְדֶער פַאר זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת - דַארְף מֶען מְסַרֵס זַיין אוּן לֵייגְן אִין תְּפִיסָה אִין אַ פַארְמַאכְטֶע צִימֶער וואו דִי זוּן שַׁיינְט נִישְׁט - פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן".

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְּלִים פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעוֵויין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְן: "מַיין שָׁכֵן הָאט גֶענוּמֶען מַיינֶע טֶעכְטֶער אוּן גֶעטוּן מִיט זֵיי מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין צוּ דִי פָּאלִיצֵיי, אַזוֹי הָאט יֶענֶער גֶעטוּן אוּן מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם מְנֻוָּל אִין תְּפִיסָה, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן אַ גְרוֹיסֶער אַדְמוֹ"ר צוּ מוֹהֲרָא"שׁ פוֹעֵלְ׳ן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ עֶר זָאל רֶעדְן צוּ דֶעם מִתְפַּלֵּל אַז עֶר זָאל צוּרִיקְצִיעֶן פוּן דִי זַאךְ אוּן מֶען זָאל בַּאפְרֵייעֶן דֶעם מְנֻוָּל, דֶער מְנֻוָּל הָאט גֶעדַאוֶונְט בַּיי יֶענֶעם אַדְמוֹ"ר. דֶער מְנֻוָּל, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט עֶר אַזוֹי הוֹיךְ גֶעשְׁרִיגְן: "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵי׳ רַבָּה" - אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט טוֹיב וֶוערְן, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר גֶענוּמֶען צְוֵוי אִידִישֶׁע מֵיידְלֶעךְ אוּן זֵיי גֶע׳שָׁחְטְ׳ן! מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם אַדְמוֹ"ר, זָאגְט מִיר, וֶוען דֶער מְנֻוָּל וָואלְט דָאס גֶעטוּן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיט אַייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ - וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט מֶען זָאל

אִים לָאזְן פְרֵייִ?" מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן דֶעם אַדְמוֹ"ר זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר דִי רוֹצְחִים.

עֶס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ צוּ פַארְדֶעקְן אוֹיף דִי מְגֻוָּלִים, דִי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לוֹיפְן נָאךְ קִינְדֶער; זֵיי שֶׁחְט'ן דִי קִינְדֶער פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְן. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי קִינְדֶער וָואס פַאלְן אַרַיין אִין דִי הֶענְט פוּן אַ מְגֻוָּל - זֶענֶען גֶע'שָׁחְט'ן פַאר זֵייעֶר לֶעבְן.

אִיךְ וִויל אַייךְ אָבֶער פַארְעֶנְטְפֶערְן, דָאס וָואס אַייעֶר שְׁוֶוער הָאט גֶעטוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; אַייעֶר שְׁוֶוער גֵייט אַ לַאנְגֶע שֵׁיינֶע וַוייסֶע בָּארְד, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס וִוי אַ פְרוּמֶער מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת וְכוּ', עֶר אִיז אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶע'הַרְגֶ'ט, - דָאס מֵיינְט אָבֶער נִישְׁט אַז יֶעדֶער מַאנְס-פֶּערְזָאן אִיז אַ קְרַאנְקֶער, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז יֶעדֶער מַאן אִיז אַ מְגֻוָּל.

דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע זַאכְן; אַז מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע שִׁידוּךְ - מֵיינְט נִישְׁט אַז אַלֶע זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט. עֶס זֶענֶען דָא ווַייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְן זִיךְ אָפְּגֶעלִיטְן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענֶער, זֵיי זֶענֶען דוּרְךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיינִיגוּנְגֶען אִין לֶעבְן, בַּיי זֵיי אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז אַלֶע מֶענֶער זֶענֶען קְרַאנְק, אַלֶע מֶענֶער פַּיינִיגְן. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא בַּיי מֶענֶער גְּרוּשִׁים וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ קְרַאנְקֶע פְרוֹי, מֶען קֶען הֶערְן פוּן זֵיי וִוי זֵיי רֶעדְן אַז זֵיי ווִילְן מֶער נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְן, זֵיי רֶעדְן צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי זָאגְן "אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען קְרַאנְקֶע"; דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ קְרַאנְקֶער מֵיינְט נִישְׁט אַז יֶעדֶער מַאן אִיז אַזוֹי, אָדֶער יֶעדֶע פְרוֹי אִיז אַזוֹי; דָאס זָאג אִיךְ אַייךְ, אַז אַייעֶר שְׁוֶוער וָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַהֶער וִוי אַ שֵׁיינֶער אִיד - אִיז אַ פַארְבְּרֶעכֶער, מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַזוֹי.

וָואס יָא? רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מְגֻוָּלִים, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אָפֶענֶע דִיבּוּרִים; וָואס מֵיינְט אָפֶענֶע דִיבּוּרִים? מֶען זָאגְט זֵיי אַז עֶס זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן אָנְכַאפְּן אִין פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער. לֶערְנְט אוֹיס אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן דֶערְצֵיילְן טַאטִי אוּן מַאמִי אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל זֵיי אָנְרִירְן בַּיי פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער, לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ זַיין

הֵיילִיג; דִי אִינְגְלֶעךְ זָאלְט אִיר לֶערְנֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין בֵּית הַכִּסֵּא רִירְט מֶען נִישְׁט אָן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען וַואשְׁט זִיךְ, מֶען בָּאדְט זִיךְ - רִירְט מֶען נִישְׁט אָן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוֹיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְט אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען צְנִיעוּת, זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער - שְׁפִּילְן מִיטְ'ן גוּף, אוּן נִישְׁט שְׁלָאפְן מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין אֵיין בֶּעט.

וואוּיל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה - וֶועלְן זֵיי זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

...

## מִיט דִי הַדְרָכוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ שְׁמִירַת עֵינַיִם

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שְׁרֵייעֶן שַׁבָּת אִין שׁוּל "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק", בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט חוּמָשׁ סֵפֶר שְׁמוֹת, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י. יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר מַיין שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט מַיין וַוייבּ, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי אִין גַאס הָאבּ אִיךְ שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ טְרַאכְט: 'בַּאלְד גֵיי אִיךְ אַהֵיים צוּ מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, נָאר מִיט אִיר וֶועל אִיךְ הָאבּ אַ גוּט לֶעבְּן'.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְּן דִי גוּטֶע זַאטֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ, אוּן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין עֶס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'ס עֵצוֹת. פַּאר דִּי עֵצָה צוּ קֶענֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פַּאר דֶעם אַלֵיינְס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דִּי גַאנְצֶע הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן; מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג עֶפֶענֶען דֶעם חוּמָשׁ אוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ'ן וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז סוֹף וָואךְ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, - פַּאר דֶעם אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי גֶעוֶוען.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ פַּאר דִּי הַדְרָכָה וְוִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁטוּב; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דִּי תּוֹרָה אוּן נִישְׁט צוּלֵייגְן חוּמְרוֹת וְכוּ'. בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דְּבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ' דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶעבְּן מִיט חוּמְרוֹת, מֶען דַארְף וִויסְן אַז וֶוען מֶען מֶעג וְכוּ' - מֶען מֶעג אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט וְכוּ' - טָאר מֶען נִישְׁט.

מוֹהֲרַא"ש פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן, אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מְטוּלְטְשִׁין זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים"), עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ מֻבְדָּל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִּי וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בְּעִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן דִּי הֲלָכוֹת צוּ וִויסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶער נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין שׁוּם פְּרִישׁוּת; נָאר וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ', אוּן אִין דִּי טֶעג וְכוּ' - זָאל מֶען הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת.

דִּי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן מִיט כַּלּוֹת פַאלְשֶׁע לִימוּדִים פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ' - זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג אִין דֶעם וָואס אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן. דֶער דּוֹר אִיז אֵיין שְׁטִיק הֶפְקֵר, אֵיין שְׁטִיק פְּרִיצוּת, דִּי גַאס אִיז אוֹיסְגֶעלַאסְן מִיט דִּי עֶקֶלְדִיגְסְטֶע אוֹיסְגֶעלַאסְנְסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם נִישְׁט דוּרְךְ צוּ פַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן; וָואלְט דֶער חָתָן בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה צוּ לֶעבְּן אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זַאט, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעזוּכְט קַיין עֲבֵירוֹת, נָאר צוּלִיב דִּי פַאלְשֶׁע לִימוּדִים - פַאלְן מֶענְטְשְׁן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

גֵיי הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף אַ גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ פַארְ'ן דוֹר, זֵיי אָפְּרַאטֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבְּן.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ פּוּרִים, אֲפִילוּ אָן טְרִינְקֶען וַויין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַארְ'ן זַיין אַזוֹי גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אִיד. אִיךְ זֶע אִין דִי בְּרִיוְון אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גְרֵייט אַזוֹי סַאךְ צוּ הֶעלְפְן אוּן לֵיינֶען יֶעדְנְ'ס שְׁאֵלוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אֲפִילוּ אָנְיָאגְן אַזוֹיפִיל צוּ לֵיינֶען יֶעדֶע בְּרִיוו מִיט אַזַא גְרוּנְטְלִיכְקֵייט, אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעדֶענְקְט אוּן ווֵייסְט אַלֶעס וָואס מֶען שִׁיקְט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי, וֶוען אִיךְ טְרִינְק אַסַאךְ וַויין בַּאקוּם אִיךְ שְׁטַארְקֶע בּוֹיךְ וֵוייטָאג אוּן שִׁלְשׁוּל, קוּמְט אוֹיס אַז אוּם פּוּרִים טְרִינְק אִיךְ נָאר אַבִּיסְל וַויין אוּן אִיךְ וֶוער נִישְׁט שִׁיכּוֹר, דֶערְפַאר אִיז פּוּרִים מַיין עֶרְגְסְטֶע טָאג אִין יָאר, מַמָּשׁ פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, וַוייל אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי זִיךְ אַהִין צוּ טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אִיךְ בִּין מָרָה שְׁחוֹרָה.

אַז אִיךְ גֵיי צוּ מַיין שְׁוֶוער שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אִין פְּלַאץ, יֶעדֶער שִׁיכּוֹרְ'ט, רֶעדְט, שְׁרֵייט הוֹיךְ אוּן טַאנְצְט אוּן אִיךְ בִּין צוּ נָארְמַאל. אַלֶע פְּרוּוְוען, מַיין שְׁווִיגֶער אוּן קִינְדֶער קוּקְן צוּ, אוּן אִיךְ בִּין דֶער נַאר וָואס קְלֶעבְּט נִישְׁט אַרַיין צוּ דִי פַארְבְּרֶענְג. ווִידֶער בַּיי מַיין טַאטֶע זִיץ אִיךְ כְּאֶטְשׁ אִין דֶער זַייט אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל, אָבֶּער דִי גַאנְצֶע פּוּרִים אִיז מִיר אַ קַבָּלַת יִסוּרִים, עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד דֶער טָאג. אִיךְ גֵיי אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּם מִיט מַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען וואוּנְטְשְׁט זִיךְ אַ גוּטְן פּוּרִים אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג הוֹיבְּט זִיךְ אָן דָאס טְרִינְקֶען אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ סְעוּדָה וואוּ אִיךְ זִיץ אוֹיף נָאדְלֶעךְ פַאר דְרֵיי פִיר שָׁעָה.

דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן פּוּרִים. מַיין וַוייבּ הַאלְט מִיר אִין אֵיין פְרֶעגְן וואוּ מִיר זָאלְן גֵיין פּוּרִים פַאר דִי סְעוּדָה, אִיךְ קֶען אִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז מִיר אֵיין שְׁטִיק מָרָה שְׁחוֹרָה.

בִּיטֶע הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן גֶעבְּט מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם פּוּרִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חַיּוּת, שִׂמְחָה, תְּשׁוּבָה, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן אֱלֹקוּת וָואס אִיךְ בַּאקוּם דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים אוּן בְּרִיוו.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרִינְקֶען מֶער וִוי אֵיין גְלֶעזְל; עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה, דֶער רְמָ"א פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרצה, סְעִיף ב) מֶען זָאל טְרִינְקֶען מֶער וִויפִיל מֶען אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ טְרִינְקֶען; אֵיינֶער וָואס טְרִינְקְט נִישְׁט קַיין וַויין אַ גַאנְץ יָאר קֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה מִיט אֵיין גְלֶעזְל. דֶער רְמָ"א פִּירְט אוֹיס: "וְאֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם", סַיי דֶער וָואס טְרִינְקְט אַסַאךְ וַויין, אוּן סַיי דֶער וָואס טְרִינְקְט וֵויינִיג וַויין - דֶער עִיקָּר זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער אַז דוּ טְרוּנְקְסְט נִישְׁט קַיין וַויין אַ גַאנְץ יָאר, עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ טְרִינְקֶען, דוּ וֶוערְסְט קְרַאנְק - זָאלְסְטוּ נָאר טְרִינְקֶען אַבִּיסְל.

שֵׁנִית, דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ פּוּרִים בַּיי דַיין שְׁוֶוער אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס טְרִינְקְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט דֶער נַאר פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַלֶע זֶענֶען שִׁיכּוֹר וְכוּ', דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען קוּקְט אוֹיף דִיר; עֶרְשְׁטְנְס, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִיר, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי שִׁיכּוֹרִים, דִי פְּרוֹיעֶן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן, יֶעדֶער אִיז דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זֵייעֶר מַאן, מֶען קוּקְט

בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף דִיר, אַלֶע וָואלְטְן גֶעוָואלְט זַייעֶר מַאן זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דִיר, זִיצְן רוּאִיג אוּן זַיין נָארְמַאל; וְאִם תֹּאמַר מֶען קוּקְט יָא אוֹיף דִיר, וָואס גֵייט דִיר אָן וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף דִיר? אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַזוֹי צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים אוּן וָואס מֶען טְרַאכְט פוּן אִים, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה זָאל זַיין בַּאהָאפְטְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דִי מֹחַ רֵיין פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, 'מֶען קוּקְט אוֹיף מִיר', 'מֶען זָאגְט אוֹיף מִיר', 'מֶען רֶעדְט פוּן מִיר', דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן; אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דִי מֹחַ רֵיין פוּן דִי זַאכְן, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג, מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, אוּן צוּ דִי מַדְרֵיגָה קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דוּרְךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט מֶען אָן צוּ דֶעם.

אַז דִי סְעוּדָה צִיט זִיךְ אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ תְּהִלִים אוּן זָאגְן תְּהִלִים; פּוּרִים אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע - יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. זִיץ בַּיים טִישׁ מִיט אַ תְּהִלִים אוּן זָאג תְּהִלִים, אָדֶער זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ גֵיי צוּ אַ שִׂמְחָה אָדֶער אַ מְסִבָּה וְכַדוֹמֶה, אַנְשְׁטָאט זִיצְן שָׁעוֹת אוּן גָארְנִישְׁט טוּן, נֶעם אִיךְ אַ תְּהִלִים, אַ מִשְׁנַיוֹת - אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּשְׁעַת וֶוען עֶס אִיז אִים גֶערִינֶען טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָארְנִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע הַגָּדָה, דָא זֶע אִיךְ חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר, רָשָׁע מָה הוּא אוֹמֵר, תָּם מַה הוּא אוֹמֵר, דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס אוּן דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר אוּן וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר? אֵיין זַאךְ גֵייט מִיר אָבֶּער יָא אָן: "תָּם,

מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אַרוֹיף אוֹיבְן: "וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל (אוֹיף רוּסִיש זָאגְט מֶען 'דָארְט' - תָּם); דֶער הַאלְט פוּן מִיר, דֶער צְווֵייטֶער הַאלְט נִישְׁט פוּן מִיר, אֵיינֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, אַ צְווֵייטֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, מֶען קוּקְט אוֹיף מִיר, מֶען טְרַאכְט אִיךְ בִּין אַ נַאר, אִיךְ בִּין אַן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְטֶער, אָבֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאגְסְטוּ אוֹיף מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בַּיי דִיר וִויל אִיךְ נִישְׁט זַיין אַן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְטֶער, וַוייז מִיר אַבִּיסְל לִיבְשַׁאפְט, וַוייז מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט גָארְנִישְׁט - נָאר טוּן דַיין ווילְן".

דִי מַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן, דָאס הָאט אוּנְז גֶעטוֹישְׁט אוּנְזֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מִיר זָאלְן אוֹיךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאגְסְטוּ אוֹיף מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זָאגְט מֶען אִין הִימְל אוֹיף מִיר? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין דָבוּק צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ מֶען קֶען אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן; אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה, מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, מֶען זָאגְט אִים: "אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן" - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת - בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה - מֶעקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיינֶע זִינְד.

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַזוֹי טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): "בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר, אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל; הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, וֶוער עֶס ווִיל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי

תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן.

דִי וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר נָאךְ אַ סֵדֶר חוּמָשׁ - סֵפֶר שְׁמוֹת; אַ מְחַיֶ' וֶוער עֶס הוֹיבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אַנְדֶערְשׁ, דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ; הוֹיבּ אָן הַיינְט לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דַיין גְרוֹיסֶע זְכוּת מִיטְ'ן הֶעלְפְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין צְפַת; בִּפְרַט אַז דוּ אַרְבֶּעסְט מִיט דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס עֶר זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, עֶר טֵיילְט זֵיי גוּטֶע זַאכְן; זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶר שֵׁיין. אוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען גֵייט עֶר אַרוּם טֵיילְן צוּקֶערְלֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זִיצְן נֶעבְּן דִי עֶלְטֶערְן, דָאס מַאכְט דִי קִינְדֶער זָאלְן שֵׁיין דַאוֶוענֶען.

דִי קִינְדֶער זָאל זַיין בַּיי דִיר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ; אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, זָאג מִיט זֵיי תְּהִלִּים, דֶערְצֵייל זֵיי סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים. לֶערְן זֵיי אוֹיס דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דָאס וֶועט זֵיי בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע שִׁיעוּרִים וְכוּ'; הוֹיבּ אָן שַׁ"ס, גֵיי כְּסִדְרָן בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט שַׁ"ס, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם, נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס זֶעט מִיר אוֹיס פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער ווִי אִיר הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית פֵּיגָא. אֵיינֶע פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ לֶערְנְט אוּנְז - אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם, נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן פוּן קֵיינֶעם קֵיין מְצִיאוּת; אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען פַּאסִירְן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן מַאכְן אַ מְצִיאוּת פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם.

אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ, וָואס דַארְף אַייךְ דָאס שְׁטֶערְן פַאר אַייעֶר לֶעבְּן? אַז אַ צְוֵוייטֶער ווִיל נִישְׁט הָאבְּן מִיט אַייךְ - וָואס דַארְף אַייךְ דָאס אַרָאפְּוַוארְפְן? דִי מֵיידְל וָואס רֶעדְט צוּ אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ וֶועגְן אַייךְ - וֶועט אַייךְ נִישְׁט שָׁאטְן, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַייךְ; אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן גוּט, אִיר וֶועט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע, אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת - וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע נָאמֶען, אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דָאס אִיז דֶער לִימּוּד וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ לֶערְנְט מִיט אוּנְז; מִיר זָאלְן זַיין אַזוֹי פֶעסְט מִיט דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף אִים.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָא אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי צַוָואָה וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן (צַוָּואַת מוֹהֲרַ"אשׁ אוֹת ח-ט), חַזֶר'ט דָאס יֶעדְן טָאג - וֶועט אִיר וֶוערְן אַזוֹי שְׁטַארְק, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט וֶועט אַייךְ נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן:

**"מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקַייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט

גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶועט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶועט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַּארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייג גִּלְיוֹנוֹת אִין דִי שׁוּלְן וָואס מֶען דַארְף עֶס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, אִיךְ לֵיין אַלֶע דַיינֶע בְּרִיוו; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל צוּ זֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיינֶע סִיוּמִים; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ.

לֵייג נִישְׁט קַיין גִּלְיוֹנוֹת דָארְט וואוּ מֶען וַוארְפְט עֶס אַוֶועק, לֵייג גִּלְיוֹנוֹת אִין דִי שׁוּלְן וָואס מֶען דַארְף עֶס; עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶער שַׁבָּת, אוּן זֵייעֶר גַאנְצֶער לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֵיינֶער דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

שְׁרַייבּ מִיר דִי נֶעמֶען פוּן דִי מִתְפַּלְלִים קְבוּעִים; אִיךְ זִיךְ אַ פַּאסִיגֶער אִינְגֶערְמַאן, אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְלִים וָואס זָאל אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער. קִינְדֶער אַז מֶען לָאזְט זֵיי פְרֵיי - וֶוערְן זֵיי ווילְד, אוּן עֶס קֶען פַּאסִירְן נִישְׁט

גוּטֶע זַאכְן. דִי וָואךְ הָאט זִיךְ אַ קִינְד צֶעשְׁנִיטְן דִי הַאנְט פוּן אַ גְלָאז, אִיךְ הָאף צוּ טְרֶעפְן אַ פַּאסִיגֶער אִינְגֶעִרְמַאן וָואס זָאל נֶעמֶען דִי מִצְוָה.

אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין צְפַת אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר מַאכְט גוֹרָלוֹת אוּן טֵיילְט פְּרָסִים, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה הָאבְן מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק; אַ גַאנְץ שַׁבָּת אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, סַיי בַּיים דַאוְונֶען, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי אָבוֹת וּבָנִים; אַזוֹי זֶענֶען דִי קִינְדֶער אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען טָאר נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן; דַיין מַאמֶע זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין. טַעֲנָה נִישְׁט מִיט אִיר, בִּפְרַט אִין אִידִישְׁקֵייט, זִי אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; מֶען טָאר נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, פוּן אַלֶעס קֶענְסְטוּ אוּן זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִיר - אוֹיסֶער פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט אוּן מֶען טַעְנָה'עֶט - קֶען דָאס שָׁאטְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

זַיי שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט שָׁאטְן דָאס אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט. בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער לֶעבְן מִיט שְׁרֶעק, זַיי טְרַאכְטְן 'מִיר וֶועלְן נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְן וַוייל מִיר קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער'; עֶס אִיז נִישְׁט

אַזוֹי, אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט צוטוּן אוֹיבּ מֶען קוּמְט פוּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אָדֶער פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ, אַ שִׁידוּךְ הָאט מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ שִׁידוּךְ הָאט מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; אַ גוּטֶער בָּחוּר, אַ גוּטֶע מֵיידְל וָואס לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט גוּטֶע מִידוֹת - טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ פוּן אִיר צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ פוּן אִיר צְנִיעוּת, פְרֵיי זִיךְ אַז זִי וִויל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; וֵויי אוּן בִּיטֶער וֶוערְט וֶוען דִי וַוייבּ הוֹיבְּט אָן זָאגְן אַז דָאס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, יֶענְץ פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ מַאכְן, וַוייל וֶוען דִי וַוייבּ פַארְלִירְט אִיר גֶעפִיל אִין אֵיידְלְקֵייט - קֶען מֶען אִיר נִישְׁט בַּאצְווִינְגֶען.

עֶס קוּמֶען צוּ מִיר טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט זֵיי וֵויינֶען צוּ מִיר וָואס זֵיי זָאלְן טוּן, זֵייעֶר וַוייבּ הוֹיבְּט אָן זִיךְ פִירְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף; אָן שְׁטְרוּמְפּ, קוּרְצֶע קְלֵיידֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, הַשֵּׁם יְרַחֵם; אַז דַיין וַוייבּ הָאט אַן אָפְּמַאךְ נָאר צוּ גֵיין מִיט אַ גֶעווִיסֶע סָארְט שְׁטְרוּמְפּ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט לַאכְן פוּן אִיר.

דֶער מַאן דַארְף שְׁטֶענְדִיג זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ בְּנוֹגֵעַ אִיר צְנִיעוּת. נִישְׁט נָאר פַאר דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף אוֹיךְ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער; דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער גֶעבְּט כֹּחַ מֶען זָאל בְּלַייבְּן גוּט, סַיי מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ, סַיי מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ. זוּךְ צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט יֶעדְן טָאג פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין קִינְד גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער, זָאלְסְטוּ זָאגְן הוֹיךְ: ״מַאמִי, קוּק וִוי וואוֹיל דֶער קִינְד אִיז, עֶר גְרֵייט אָן נֶעגְל

וַואסֶער״; עֶס קֶען זַיין אַז דִי אֵיין גוּט וָוארְט וָואס עֶר הֶערְט יֶעצְט וֶועט אִים טְרָאגְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער. אַז דוּ זֶעסְט דַיין טָאכְטֶער - זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, זָאג הוֹיךְ: ״מַאמִי, קוּק וִוי שֵׁיין צְנִיעוּת׳דִיג זִי אִיז״; דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֵייט צוּ בְּלַייבְּן גוּט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קיט): ״עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט קַיין צַדִיק עֶר זָאל פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן צוּ זַיין אַ צַדִיק״; אַז דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם, דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַזַא שְׁטְרוּמְפּ אָדֶער אַ צְוֵוייטֶע סָארְט שְׁטְרוּמְפּ, אוּן דוּ זֶעסְט דַיין וַוייבּ וִוי זִי אִיז שְׁטַארְק צוּ גֵיין נָאר אַזוֹי וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן: ״אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט אֵיידְלְקֵייט״.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אִיךְ קוּק גוּט אוֹיף דִיר, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ שְׁרַייבְּן דַיינֶע סְפֵיקוֹת; זַיי נִישְׁט פוּן דִי וָואס הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק צוּ פְרֶעגְן וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טְרַאכְטְן אַז מֶען אִיז צֶעדְרֵייט; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל כָּל זְמַן מֶען פְרֶעגְט, וִוי צֶעדְרֵייט מֶען זָאל זַיין - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעגְרָאדְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען הוֹיבְּט אָן אַ גוּטֶע זַאךְ, דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק דָאס אָנְצוּהַאלְטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה״, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן; אַז מֶען הוֹיבְּט אָן טוּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ - דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס אָנְצוּהַאלְטְן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן, ״וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד, כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת

הַשֵּׁם, כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ״.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן יֶעדְן נַאר אוּן טִיפֵּשׁ; דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, נִישְׁט קוּקְן וֶוער עֶס לַאכְט.

מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶעם נִיגוּן אוּן מִיר גֶעבֶּעטְן דָאס צוּ זִינְגֶען מִיט דִי בָּחוּרִים יֶעדְן טָאג; דָא הָאסְטוּ דִי וֶוערְטֶער, קוּק הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִּיק:

״כַּךְ וְכַךְ דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, דֶער ס״מ קֶען שְׁפְּרִינְגֶען בִּיזְן דַאךְ.
וַוייל אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת זֵייעֶר אַסַאךְ,
גִיבּ אִיךְ פוּן אִיהְם אַ גְרוֹיסְן לַאךְ,
אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס יֶעדֶער טִיפֵּשׁ טוּט מִיט דִי הַאנְט אַ מַאךְ,
דָאס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת אַסַאךְ.
וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם,
אִיךְ וַוייס אַז נָאר מִשְׁנַיוֹת וֶועל אִיךְ מִיט מִיר מִיטְנֶעמֶען.
אוּן דָאס וֶועט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן בַּאשִׁיצְן,
אוּן אִין קֶבֶר וֶועלְן אַלֶע שְׁרָצִים, אוּן וֶועְרִים, אוּן אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה, פוּן מִיר זִיךְ אַוֶועקְפִּיצְן.
אוּן כָאטְשׁ זֵיי וֶועלְן מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צֵיינֶער אוֹיף מִיר טוּעֶן קְרִיצְן,
אָבֶער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן.
וָוארוּם דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט,
וֶועלְן מִיר פוּן זֵיי בַּאשִׁיצְן.
אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אָפְּגֶעהִיטְן.
אוּן אִין גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי צַדִּיקִים זִיצְן״.
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער פוּן דֶער אִיד וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר זַיינֶע צֵיינֶער; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהֶערְט וִוי עֶר בֶּעט אוּן וַוייזְט דֶערְבֵּיי פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי צָאן וָואס טוּט אִים וֵויי.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוּנְז זָאגְן: "אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד וַוייזְט מִיטְ'ן פִינְגֶער אוֹיף דִי צֵיין, עֶר הַאלְט דִי קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף מִיט וֵוייטָאג, אוּן נֶעבְן אִים שְׁטֵייט מוֹהֲרָא"ש מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיעֶר אוּן בֵּייגְט זִיךְ צוּ.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער:

"מַיין צֵיין טוּט זֵייעֶר וֵויי; אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, מַיין צֵיין טוּט מִיר וֵויי, דָא, דֶער צָאן..."

מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעבְן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ אִיד, אַ סְפַרְדִי'שֶׁער אִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט. מוֹהֲרָא"ש הֶערְט וִוי עֶר זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַיין צֵיין טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ יִסוּרִים בַּיי דִי צֵיינֶער"; עֶר זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא, דֶער צָאן", מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט אַ קוּק, עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד וַוייזְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְכֶע צֵיין עֶס טוּט אִים וֵויי, אַזוֹי וִוי מֶען וַוייזְט פַארְ'ן צֵיין דָאקְטֶער וֶועלְכֶע צֵיין עֶס טוּט וֵויי.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: "מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעפָאלְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְן אִים אוּן עֶר קֶען וַוייזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווָאוּ עֶס טוּט אִים וֵויי, וָואס טוּט אִים וֵויי".

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי

סְפַרְדִי׳שֶׁע אָפְּשְׁטַאמִיגֶע אִידְן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת; אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן, אוּן אָן תַּרְעוּמוֹת נָאר בִּתְמִימוּת נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפָארְן, רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ תָּמִים, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט לִיבּ אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן..."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט וְכוּ׳; זָאגְט אִיר דִי וֶוערְטֶער: "מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן", זָאגְט אִיר: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּי׳ן, אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין בֵּית מְשׁוּגָעִים אָנֶעם רֶבִּי׳ן"; זָאגְט עֶס בִּלְשׁוֹן רַבִּים, אוֹיף אַייךְ אוּן אוֹיף אִיר; אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן אַ וֶועג, אַרַיינְצוּגֵיין מִיט אִיר אִין אַ שְׁמוּעֶס.

אַזוֹי טוּ אִיךְ, וֶוען אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט אֵיינֶעם, אִיךְ וֵוייס אַז יֶענֶער דַארְף חִיזוּק אוּן מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן דִירֶעקְט, הוֹיבּ אִיךְ אָן רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן דִי עֵצוֹת; אַזוֹי קוּמְט אַרוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר - וֶועט מֶען וֶוערְן כַּקָּטָן שֶׁנּוֹלָד", מֶען וֶועט וֶוערְן נַיי גֶעבּוֹירְן, מֶען וֶועט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן.

רֶעדְט אוֹיף זִיךְ; זָאגְט אִיר: "אָנֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער וָואלְט אִיךְ שׁוֹין

הַיינְט גֶעסְנֶעפְּט, נָאר בִּזְכוּת דֶעם רֶבִּי'ן לֶעבּ אִיךְ; אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו, עֶס אִיז מַיין לֵייף סֶעיוֶוער"; אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס.

וֶוען מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן?' 'וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן?' דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכה): "רֶעד מִיט מֶענְטְשְׁן, שְׁמוּעֶס מִיט אַנְדֶערֶע, זַיי מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "ווי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וָואס צוּ רֶעדְן? אֶפְשָׁר דַארְף יֶענֶער הֶערְן עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע דִיבּוּרִים?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ רֶעד, דוּ וֶועסְט פּוֹעֶל'ן"; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס אִיז פַאר אוּנְז אַלֶע; וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן - אִיז פַאר כְּלַל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר דַארְפְן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז נִישְׁט דַיין לֶעבְּן חָרוּב גֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פַאר דִיר, פַאר דַיין עָתִיד; אִיךְ זֶע פַאר מַיינֶע אוֹיגְן אַז עֶס גֵייט דִיר חָרוּב וֶוערְן דַיין שְׁטוּבּ, דוּ זָאגְסְט דוּ לַיידְסְט פוּן דַיין וַוייבּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאגְט זִי לַיידְט פוּן דִיר; אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אָט אָט פַארְלִירְסְטוּ אַלֶעס.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַאן; דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער מְוַתֵּר, דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער וָואס אִיז מוֹחֵל, דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין, דֶער וָואס שְׁלִינְגְט.

מִיר הָאבְּן אַ קַבָּלָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען לַיידְט פוּן דִי וַוייבּ - דָאס קוּמְט וַוייל מֶען רֶעדְט נִישְׁט

שַׁיין. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״כְּשֶׁאָדָם פּוֹגֵם בְּמֹחַ מַחֲשַׁבְתּוֹ, אֲזַי הוּא סוֹבֵל מִילָדָיו״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - וֶועט עֶר לַיידְן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, ״וּכְשֶׁאָדָם פּוֹגֵם בְּדִבּוּרוֹ, הוּא סוֹבֵל מֵאִשְׁתּוֹ״, אוּן וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם מִיטְ'ן דִיבּוּר - דֶער לַיידְט פוּן דִי וַוייבּ, ״וּכְשֶׁאָדָם פּוֹגֵם בְּמַעֲשָׂיו, סוֹבֵל מֵאֲנָשִׁים שֶׁמְּצַעֲרִים אוֹתוֹ״, אוּן וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - דֶער לַיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן; זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט ״נֶגֶד הַפֶּה הוּא הָאִשָּׁה״, אַז מֶען פַארְזִינְדִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן מוֹיל לַיידְט מֶען פוּן דִי וַוייבּ; אַז מֶען זָאגְט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט פַאר דִי וַוייבּ - וֶוערְט זִי בַּאלֵיידִיגְט אוּן מֶען לַיידְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בַּארֶעכְן זִיךְ, לָאז נִישְׁט דַיין לֶעבְּן חָרוּב גֵיין; עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיר גֶעזָאגְט, זִי הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, זִי הָאט דִיר דֶערְמַאנְט עֶפֶּעס אַן אַלְטֶע מַעֲשֶׂה; מַאךְ נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע טְרַאסְק פוּן דֶעם, זַיי אִיר מוֹחֵל אוּן גֵיי וַוייטֶער מִיט דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער פוּן מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ; דַיין וַוייבּ וֵויינְט אַז זִי גֵייט צוּגְרִינְד, עֶס פַאלְט שְׁטִיקֶער פוּן אִיר; אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט צוּזֶען, אִיךְ ווִיל נָאר דִיר זָאל גוּט גֵיין.

...

## וואוֹיל פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער זֶעעֶן עוֹסֵק אִין הַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ ווִיל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטַר גֶעוֶוען אִיז אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְּן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן דֶער

הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מִיכֶעלֶע זְלָאטְשְׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִין דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשְ'ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשְ'ט זִיךְ פוּן אִים".

דָאס וָואס אַייעֶרע טֵייעֶרע קִינְדֶער, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ - טוּעֶן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין אִיבֶּערְטַייטְשְׁן, דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' וֶועכְנְטְלִיךְ מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ' וָואס זֵיי זֶענֶען מְתַּרְגֵּם, דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווּאוֹיל פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי מִצְוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן גֶעזוּנְט, כֹּחַ אוּן נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

## אַז דַיין וַוייבּ דַארְף דַיין הִילְף מִיט דִי קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גוּטֶע גְרוּס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ יֶעדֶעס מָאל אֵיינֶער שְׁרַייבְּט מִיר וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אִין שׁוּל, פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ.

בְּנוֹגֵעַ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳; אַז דַיין וַוייבּ דַארְף דִיךְ הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ, זִי דַארְף דַיין הִילְף - זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן. אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּם שִׁיעוּר, אָבֶּער אַז דַיין וַוייבּ פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, זִי דַארְף הָאבְּן דַיין הִילְף מִיט דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן, אוּן לֶערְנֶען אִין דִי אַנְדֶערֶע צַייטְן.

עֶס אִיז דָא צַייט פַאר בֵּיידֶע, עֶס אִיז דָא צַייט פַאר אַלֶעס; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נָאר טוּן זַיין רָצוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטֵיי שְׁטַארְק אִין דַיין מִלְחָמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ טָאכְטֶער צוּ מַיין

זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה; אִיךְ ווִינְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ מִיט שִׂמְחָה וָנַחַת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין דִי מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי בְּלוּטִיגֶע לֶענְדֶער; בַּאלְד וֶועסְטוּ פַּארְגֶעסְן פוּן דַיין אֵייגֶענֶע מִלְחָמָה. אַנְשְׁטָאט זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן אִין דִי נַייעֶס וָואס דָארְט טוּט זִיךְ - זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין שְׁטַארְק אִין דַיין מִלְחָמָה, אִין דִי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר. הֵייבּ אוֹיף דַיין שְׁוֶוערְד, הֵייבּ אָן שִׁיסְן; עֶפְן דַיין מוֹיל, הוֹיבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב) דִי אִידִישֶׁע גֶעוֶוער אִיז תְּפִלָּה, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוערְד גְלַייךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וּמִי שֶׁזָּכָה לַחֶרֶב הַזֶּה", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן דֶעם גֶעוֶוער, "צָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לִלְחֹם עִם הַחֶרֶב", דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ נוּצְן דֶעם גֶעוֶוער, "שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל", עֶר זָאל נִישְׁט בֵּייגְן דֶעם שְׁוֶוערְד נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, נָאר דָאס הַאלְטְן גְרָאד אִינְמִיטְן; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר, אַזוֹי ווִי בַּיי אַ מִלְחָמָה וֶוען אֵיינֶער הַאלְט אַ גֶעוֶוער אִין זַיין הַאנְט דַארְף עֶר ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן דֶערְמִיט, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּפִלָּה דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ נוּצְן, עֶס דַארְף גֵיין פוּן בֵּיידֶע זַייטְן; קוֹדֶם דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען בַּאקוּמְט הָאפֶענוּנְג.

בְּנוֹגֵעַ וֶוער עֶס וֶועט גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה; אַלֶע פְרֶעגְן וָואס גֵייט זַיין? עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מִיר וֶועלְן גֶעווִינֶען, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶועלְן מִיר מְנַצֵּחַ זַיין.

...

## מֶען דַארְף לֶעבְּן אַ שׁוּתְּפוּת׳דִיגֶע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַּאר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת אוּן דָאס חַזֶר׳ן אָן אַ שִׁיעוּר.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט בְּשֵׁם דֶער צַדִיק רֶבִּי אוּרִי מִסְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶע׳חַזֶר׳ט הִלְכוֹת טָהֳרָה אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינֶע מוּרִיטְשְׁקֶעס דַארְפְן זִיכֶער חַזֶר׳ן דִי הֲלָכוֹת צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דִי חֲתוּנָה בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעדֶענְק וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אַ וַוייבּ; מֶען קֶען נִישְׁט שַׁאפְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען אַז זִי זָאל טְרַאכְטְן, טוּן, מַאכְן אוּן רֶעדְן - אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, מֶען דַארְף לֶעבְּן אַ שׁוּתְּפוּת׳דִיגֶע לֶעבְּן.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ מַלְכָּה - וֶועט זִי זִיךְ פִירְן צוּ דִיר אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ אַ מֶלֶךְ.

וָואס דוּ דַארְפְסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דַיין שַׁדְכָן.

...

## מַאכְט אַייךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**דִי חָשׁוּבְ׳עֶ כַּלָה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

מַאכְט אַייךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת. דֶער סֵפֶר אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר, שֵׁיין גֶעשְׁרִיבְּן דִי הֲלָכוֹת; אַזוֹי וֶועט אִיר ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וִוי צוּ הִיטְן דִי אִידִישֶׁע וֶועג.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ בָּארְגְן גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ בָּארְגְן גֶעלְט וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ בָּארְגְן גֶעלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכב): ״וּמוּטָב שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב לְעַצְמוֹ אוֹ לִבְנֵי בֵּיתוֹ בְּמַלְבּוּשִׁים מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב לְהַחֶנְוָנִי אוֹ לַאֲחֵרִים״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין - וִוי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַ צְוֵייטְן, עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ שׁוּלְדִיג פַאר דִיר דִי מֶעבְּל, לֵייג אַוֶועק גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן שֵׁיינֶע מֶעבְּל - וִוי אֵיידֶער צוּ גֵיין בָּארְגְן, זַיין יֶענֶעמְ׳ס קְנֶעכְט.

וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה פַארְקֶערְט, דַיין וַוייבּ וָואלְט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַז זִי דַארְף מֶעבְּל וְכוּ׳ - וָואלְט רִיכְטִיג גֶעוֶוען אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן, אוּן אַז זִי לָאזְט זִיךְ נִישְׁט - קֶען זַיין מֶען דַארְף בָּארְגְן, אָבֶער אִין דַיין פַאל, אַז זִי אִיז גָאר דִי וָואס זָאגְט בָּארְגְט נִישְׁט - אִיז דָאךְ גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין יוֹם טוֹב, אִיז אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְסְטוּ מִיט דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט וואוּ צוּ זַיין פֶּסַח; וִוי זֶענֶען אַנְדֶערֶע פֶּסַח אוֹיבּ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ? וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ פֶּסַח?! וואוּ בִּין אִיךְ פֶּסַח? דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין יוֹם טוֹב - אִיז אִין שְׁטוּבּ.

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, מַאךְ אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב דוּ מִיט דַיין וַוייבּ; פֶּסַח אִיז

נִישְׁט אַ צַייט פוּן אַוֶועק פָארְן, פֶּסַח אִיז מֶען אָדֶער אִין שְׁטוּבּ אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דִי בְּרִיוו מַאכְן אַייךְ דֶעפְּרֶעסְט, זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט לֵיינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט וֶוען אִיר לֵיינְט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הֶער אַז דִי בְּרִיוו מַאכְן דֶעפְּרֶעסְט; אַנְדֶערֶע זָאגְן עֶס מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ, עֶס בְּרֶענְגְט זֵיי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קֶען זַיין אַז וֶוען אִיר לֵיינְט אִין דִי בְּרִיוו וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען אִיר דֶערְזֶעט זִיךְ טוּן אַנְדֶערְשׁ מַאכְט דָאס אַייךְ דֶעפְּרֶעסְט; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיר לֵיינְט וָואס מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט וֶועגְן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ׳, - דָאס מַאכְט אַייךְ דֶערְבִּיטֶערְט; אִיז דָאס נִישְׁט דִי בְּרִיוו, אִיז דָאס אַייךְ אַלֵיינְס.

אַז דִי בְּרִיוו מַאכְן אַייךְ דֶעפְּרֶעסְט - זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט לֵיינֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז), דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט מָאל (עַיֵּין שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן ז), דָאךְ וֵוייסְן מִיר, מוֹהֲרַא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה וֶוערְט עֶר בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״פַארְמַאךְ דֶעם סֵפֶר, לֶערְן מֶער נִישְׁט דֶעם סֵפֶר״; אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר. דֶער מְחַבֵּר

פוּנֶעם סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, אוּן אַז דָאס מַאכְט דֶעפְּרֶעסְט זָאל מֶען עֶס נִישְׁט לֶערְנֶען.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט זִיךְ, הוֹיבְּט אָן הַאלְטְן פוּן זִיךְ. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט בַּיים סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה וָואס הָאבְּן זִיךְ פַּארְבִּיטְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף נֶעמֶען דָאס רוֹיזֶעלֶע וָואס לִיגְט אוּנְטֶערְן שְׁטוּל אוּן דָאס אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אוֹיבְן, אַזוֹי וֶועט דִי שְׁטוּל הָאבְּן דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטְל וְכוּ'"; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְרַמֵּז מִיר זָאלְן נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן אוּנְטֶערְן שְׁטוּל, מִיר זָאלְן הַאלְטְן פוּן זִיךְ, מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ יָא לִיבּ', 'אִיךְ בִּין גוּט', 'מַיין מַאן אִיז גוּט', 'מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גוּט'; כָּל זְמַן דָאס רוֹיזֶעלֶע לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶערְן שְׁטוּל - אִיז אַלֶעס טוֹיט, אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אִיז נִישְׁט גוּט.

צִינְדְט אָן מוּזִיק אוּן טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער; שִׂמְחָה פַּארְטְרַייבְּט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לָאז מִיךְ אָפּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין עַזּוּת פָּנִים'עֶר בַּיי מִיר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הָאבּ נָאר בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִיר; דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף ווִי אַ צִיגַיינֶער, דַיינֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְן קוּמֶען צוּ מִיר אַז אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי ווִילְן מַאכְן וְכוּ'. דוּ הֶערְסְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס, זֵיי הָאבְּן קַיין שׁוּם וָוארְט בַּיי דִיר, אוּן אַלְץ מִיט מַיין נָאמֶען "רֹאשׁ יְשִׁיבָה", "רֹאשׁ יְשִׁיבָה", "רֹאשׁ יְשִׁיבָה"; יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי ווִילְן מַאכְן וְכוּ' קוּמְסְטוּ זֵיי אַיינְטֵיילְן מִיט דֶער

רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַהֶער, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַהִין; אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע בִּזְיוֹנוֹת.

אִיךְ בִּין שׁוֹין הֵייזֶערִיג פוּן רֶעדְן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

טוּ מִיר אַ טוֹבָה, זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה; לָאז מִיךְ אָפּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין עַזּוּת פָּנִימְ'עֶר בַּיי מִיר.

...

## נִישְׁט זַיין קַיין עָנָיו וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיר קֶענְט הָאבְּן דִי זְכִיָ' צַאמְצוּנֶעמֶען דִי וַוייבְּלֶעךְ בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צְוֶועלְף יָאר צוּרִיק אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג דִי זַאךְ פוּן מַאכְן אַ "פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם" אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט גֶעצֵיילְטֶע וַוייבְּלֶעךְ, הַיינְט נָאךְ צְוֶועלְף יָאר אִיז דָאס שׁוֹין אַ וֶועלְטְ'ס זַאךְ; מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, בָּארָא פַּארְק, קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְסִי, אוֹיךְ אִין עֶנְגְלַאנְד, קֶענְוִוי אֵיילֶענְד, בִּיז יְרוּשָׁלַיִם אוּן אוֹיךְ אִין צְפַת; יֶעצְט זוּכְן מִיר אִין מַאנְטְשֶׁעסְטֶער אַ פְרוֹי וָואס זָאל זַיין ווילִיג דָאס צוּ טוּן.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עָנָיו אוּן זָאגְן: "מִי אָנֹכִי? וֶוער בִּין אִיךְ דֶען? בִּין אִיךְ דֶען רָאוּי?" מֶען דַארְף זַיין זִיכֶער בַּיי זִיךְ, אוּן שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ - אָן קַיין סְפֵיקוֹת.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת, יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן מַיין אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָא הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה, זָאג דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג אוּן אַפָּאר מָאל אַ טָאג; דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶועןְ:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן מַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט מִיר אִיז פוּן דִיר, אוּן דָאס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, מִיר צוּ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר מַיין וַוייבּ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זִי אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ, סֵיי פִיזִישׁ אוּן אוֹיךְ גֵייסְטִישׁ; אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט, זִי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעזוּנְט בִּיז אַהֶער, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִי צַאמְגֶעבְּרָאכְן, זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, זִי קֶען גָארְנִישְׁט טוּן; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מַיין וַוייבּ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן מַיין שְׁטוּבּ, אוּן כֹּחַ אִיר אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן".

נָאר מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי זַאךְ, נָאר מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה.

...

## מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אֱמֶת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו

אַז דוּ ווִילְסְט אַנְטְלוֹיפְן - אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין

בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט. אַז דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאג דִי וֶוערְטֶער, דוּרְךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן גְּמָרָא - וֶועסְטוּ זִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דִי וֶוערְטֶער: "פְּרוֹיעֶן וָואלְטְן זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת וֶוען זֵיי שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר"; נִישְׁט אֵיינְמָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל הָאבּ אִיךְ מִיטְגֶעהַאלְטְן מַעֲשִׂיּוֹת וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט פַּאר פְרוֹיעֶן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ שֶׁערְן וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה; דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז הַיינְט אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה מִיט אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא. מֶען זֶעט דִי כֹּחַ פוּן אַ צַדִּיק, דִי כֹּחַ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אֱמֶת, מִיר זָאלְן נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט, זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן מִיט טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת פַּאר כָּבוֹד הַמְדֻמֶּה.

מִיר זָאגְן הַיינְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; מִיר זָאגְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ יוֹם כִּיפּוּר קָטָן. הַיינְט אִיז אַרוֹיס אַ רוּף פוּן דִי רַבָּנִים אַז מֶען זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַּאר דִי אִידִישֶׁע קְהִילוֹת אִין אוּקְרֵיינָא, זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן בְּעֵת מִלְחָמָה. מִיר דַארְפְן אוֹיךְ בֶּעטְן מִיר זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן זִיךְ מֶער צוּכַאפְּן צוּם דַאוְונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ט אֲדָר א׳, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא לִיבֶּערְטִי**

אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס זָאגְן אַלֶע אַז אִיר זֶענְט אַ טֵייעֶר קִינְד, אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר הָאט גוּטֶע מִידוֹת; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ.

אוֹיךְ וְויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע בְּרִיוו, אִיר בֶּעט חִיזוּק אוֹיף דַאוְונֶען; וְויסְן זָאלְט אִיר, וְוען מֶען דַאוְונְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה דַארְף מֶען שְׁטֵיין אַזוֹי וְוי מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ קֶענִיג, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין שְׁפִּיל, עַד כְּדֵי כַּךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כד:) אוֹיבּ מֶען דַארְף שְׁפֵּייעֶן טָאר מֶען נִישְׁט שְׁפֵּייעֶן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי וְוי מֶען שְׁפֵּייט אִין פָּנִים פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שְׁטֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּיים מֶענְטְשׁ.

בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן זִיךְ מֶער צוּכַאפְּן צוּם דַאוְונֶען, בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ וַוייבְּלֶעךְ דַארְפְן לִיבּ הָאבְן צוּ דַאוְונֶען, נִישְׁט זִיךְ זוּכְן וְוי מֶען קֶען זִיךְ פַּטָרְ׳ן פוּן דַאוְונֶען.

...

## לָאזְט אָפּ דִי דִמְיוֹנוֹת, טְרַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ט אֲדָר א׳, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר וואוֹיל; אִיךְ בַּאקוּם אַזֶעלְכֶע גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג, אִיר זֶענְט עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט אַייעֶרֶע חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן פוּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר אַייךְ, אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

הַאלְטְס אַייךְ שְׁטַארְק, גֵייט אָן מִיט אַייעֶר גוּטֶע וֶועג; גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע - וֶועט אִיר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

טְרַאכְטְס נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנ) אַמָאל טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ אַ דִמְיוֹן אוּן נָאכְדֶעם מֵיינְט עֶר שׁוֹין אַז עֶס אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען; לָאזְט אָפּ דִי דִמְיוֹנוֹת, טְרַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט אִיז דִמְיוֹן, נָאר דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן אֱמוּנָה אִיז מְצִיאוּת, רֶעאַלִיטֶעט, שֵׂכְל'דִיג.

...

### דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אִיז צוּ הָאבְּן כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּצוּגֶעבְּן אַ מִילְךְ בָּאטְל פַארְ'ן קִינְד; אַז דָאס קִינְד בְּלַייבְּט הוּנְגֶערִיג זָאל דַיין וַוייבּ אַוַדַאי צוּגֶעבְּן אַ מִילְךְ בָּאטְל, זִי זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג פַאר דֶעם.

אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין אִיר לֶעבְּן אִיז - זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ, אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ גֶעבְּן צוּ זֵייגְן פַארְ'ן קִינְד, אָבֶּער נָאךְ מֶער וִויכְטִיג אִיז - דִי מַאמֶע זָאל זַיין אַ מַאמֶע, אוּן אוֹיבּ עֶס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען - דַארְף דִי מַאמֶע אַלֶעס לֵייגְן אִין דִי זַייט אוּן זֶען צוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען וִויל סַךְ הַכֹּל צוּגֶעבְּן אַ בָּאטְל, אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

זַיי פְּרֵיילִיךְ, זֵיי שְׁטַארְק; שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ. גֶעדֶענְק, דִי גַאנְצֶע גֶעלְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט); דַארְפְסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן אוּן בַּארוּאִיגְן.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מֶען צִיפְּט זִיךְ אוֹיס דִי בַּאקְן, מֶען

וַואשְׁט אָפּ דִי פָּנִים, אַלֶע מֵיינֶען אַז עֶס גֵייט גוט״; מֶען קֶען נִישְׁט חָלוֹמְ׳עֶן אַז דָא אִיז דָא אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶעלֶע וד״ל.

...

## קְלוּגֶע פְּרוֹיעֶן וֵוייסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם מַאן מִיט שֶׁעצוּנְג אוּן כָּבוֹד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ט אֲדָר א׳, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ זֶע דֶעם רוֹצֵחַ וִוי עֶר וִויל קוּמֶען צוּ אַייעֶר שְׁטוּב, לָאזְט אִים נִישְׁט אַריינְקוּמֶען, עֶפְנְט נִישְׁט דִי טִיר; וֶוען עֶר קוּמְט זָאלְט אִיר אִים זָאגְן: ׳גֵיי צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּב, קוּם נִישְׁט צוּ מִיר׳.

אִיר וֶועט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים, דָאס אִיז אַ מִלְחָמָה אַ גַאנְץ לֶעבְּן; דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל זִיךְ אַרֵיינְזֶעצְן בַּיי יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי חָרוּב מַאכְן דָאס לֶעבְּן דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, לָאזְט נִישְׁט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב קַיין מַחֲלֹקֶת, דֶערְמַאנְט נִישְׁט אַייעֶר מַאן אַלְטֶע זַאכְן, אַייעֶר מַאן אִיז ווּאוּיל, עֶר וִויל זַיין אַ צַדִּיק, עֶר דַארְף נָאר דִי גוּטֶע גֶעפִיל צוּ שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז חָשׁוּב אִין אַייעֶרֶע אוֹיגְן.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אִים דֶעם גֶעפִיל; אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶר פַארְלִירְט זִיךְ - זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער אִים צוּ שֶׁעצְן, אִים מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט. בַּיי מִיר זֶענְט אִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, בֵּיידֶע פוּן עֶנְק; אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אַזוֹיפִיל צַייט נָאר פַאר עֶנְק, אִיר זָאלְט לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

מֶענֶער הָאבְּן אַ נַאטוּר זֵיי ווִילְן שְׁפִּירְן וִוי מֶען הַאלְט פוּן זֵיי, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי, וֶוען מֶען מַאכְט זֵיי אַוֶועק; דֶערִיבֶּער, דִי קְלוּגֶע פְּרוֹיעֶן וֵוייסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם מַאן מִיט שֶׁעצוּנְג אוּן כָּבוֹד; אִיךְ וֵוייס פוּן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער מַאן אִיז נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶער נַאר אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם, דִי וַוייבּ רֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּם חָשׁוּבְ׳סְטְן

מֶענְטְשׁ און דִי קִינְדֶער זֵייעֶרֶע שַׁיינֶען און לַייכְטְן.

בְּקִיצוּר, צוּרִיק צוּם אָנְהוֹיבּ, פַּארְמַאכְט אַייעֶר טִיר, לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דֶעם רוֹצֵחַ; וֶוען אִימֶער עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן אַ כַּעַס, אַ וֶוייטָאג, גֵייט צוּם טִיר און זָאגְט: 'אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, נִישְׁט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ; בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ וואוֹינְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, בַּיי אוּנְז אִיז דָא שָׁלוֹם'.

אִיר קֶענְט קוּמֶען זוּנְטָאג, אִיךְ וֶועל מַאכְן צַייט פַּאר עֶנְק; אִיךְ וֶועל עֶנְק הֶעלְפְן מַאכְן עֶנְקֶער שְׁטוּבּ אַ פְּלַאץ פַּאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

...

## הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר זוּנְטָאג הָאט אִיר מִיר גֶעבֶּעטְן אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג צוּ שְׁטַארְקְן דִי מֹחַ און צוּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ, דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר און אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַּאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין מִשְׁפָּחָה, מִיר אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר אַלֶעס פוּן מַיין לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ מִיר שִׂמְחָה, אִיךְ וֵוייס אַז נָאר דָאס פֶּעלְט מִיר, נָאר דָאס וֶועט מִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, שִׂמְחָה אִיז דִי סוֹד פוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַּארְוָואס עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַלְץ וֶוער אִיךְ אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ וֶוער דֶעפְּרֶעסְט פוּן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ מִיר דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן

**אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט אִין עַצְבוּת.**

**גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אוֹיךְ זָאל אִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין מִיר אַלֵיינְס, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין גוּט.**

**הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".**

**...**

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין פַּאלְשֶׁע עֲנָוָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע בְּרִיוְון.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִים, נָאךְ מֶער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִין סְקוּל הֶערְשְׁט אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט.**

**יֶעצְט אִיז דָא אַ מִלְחָמָה צְוִוישְׁן צְוֵויי גְרוֹיסֶע לֶענְדֶער, רוּסְלַאנְד מִיט אוּקְרֵיינָא; וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט זָאגְן אַלֶע 'פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן?' מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ פַאר מִלְחָמוֹת, אָבֶער קֵיינֶער כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַז מִיר דַארְפְן אַלֵיינְס אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אֵיין אִיד מִיטְ'ן צְוֵויטְן.**

**דֶערִיבֶּער, אַז אִיר שְׁרַייבְּט מִיר ווִי שֵׁיין מֶען לֶעבְּט אִין סְקוּל, אַלֶע מֵיידְלֶעךְ לִיבְּן זִיךְ, גְרוֹיסֶע מִיט קְלֵיינֶע צוּגְלַייךְ, - אִיז דָאס פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.**

**אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין. אִיר זֶענְט זֵייעֶר אַ טֵייעֶר קִינְד, אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס אוּן דִי מְנַהֶלֶת זָאגְן אוֹיף אַייךְ אַז אִיר זֶענְט פוּן דִי בֶּעסְטֶע תַּלְמִידוֹת; דַארְפְט אִיר נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע**

וָואס כאַפְּט זִיךְ צוּמָאל אַרַיין אִין דִי כָּשֵׁר׳עֶ הֶערְצֶער מִיט פַאלְשֶׁע עֲנָוָה, עֶר צֶעבְּרֶעכְט, עֶר מַאכְט שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז וֵוייניג חָשׁוּב, אַנְשְׁטָאט אָרוּמְגֵיין מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע מוּט צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן צוּ ווִיסְן אַז מִיר זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס קִינְדֶער, מַאכְט עֶר מֶען זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אַרוּמְגֵיין מִיט אֵיין מַחֲשָׁבָה, אַ גַאנְצְן טָאג טְרַאכְטְס: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ מִיר׳, ׳אִיךְ בִּין גוּט׳; דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּ קְדוּשָּׁה.

שְׁרַייבְּט מִיר אַלֶע אַייעֶרֶע סִיוּמִים פוּן סֵפֶר תְּהִלִּים.

...

### מִיט חָכְמָה קֶען מֶען שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן דִי מַאמֶע אוּן שְׁווִיגֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ט אֲדָר א׳, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מִשְׁפַּחַת ... שֶׁתִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיט חָכְמָה קֶענְט אִיר אַלֶעס צוּרִיק דְרֵייעֶן, נֶעמְט דִי טְרִיק פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) וִוי אַזוֹי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן פְלֶעגְט שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן צְוֵויי פַּיינְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: ״דַיין חָבֵר ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן מִיט דִיר אָבֶּער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט חֲרָטָה, עֶר זָאגְט אַ גַאנְצְן צַייט, הַלְוַאי וֶוען עֶר קֶען וֶוען צוּרִיק דְרֵייעֶן״, נָאכְדֶעם אִיז אַהֲרֹן הַכֹּהֵן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְווייטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, אִים אָנְגֶערֵייצְט אַז יֶענֶער ווִיל שָׁלוֹם מַאכְן, יֶענֶער הָאט חֲרָטָה, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִיר, נָאכְדֶעם וֶוען דִי בֵּיידֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן זֶענֶען זֵיי אַרוּיפְגֶעפַאלְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְווייטְן, זִיךְ גֶעהַאלְזְט אוּן גֶעקוּשְׁט, אוּן גֶעוָוארְן נָאנְטֶע חֲבֵרִים.

אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אַייעֶר מַאמֶע זָאלְט אִיר זִי זָאגְן

ווי שְׁטַארְק אַייעֶר שְׁוִויגֶער שֶׁעמְט זִיךְ אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען וְכוּ', און וֶוען אַייעֶר מַאן רֶעדְט צוּ זַיין מַאמֶע זָאל עֶר אַרַיינְוַוארְפְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן אַייעֶר מַאמֶע.

בַּאלְד קוּמְט פּוּרִים, מַאכְט אַ שְׁפִּיצְל, מַאכְט צְוֵויי שֵׁיינֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת'ער; וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַייעֶר מַאמֶע זָאלְט אִיר זָאגְן: "אִיךְ קוּם פוּן מַיין שְׁוִויגֶער, זִי שִׁיקְט דִיר דִי שֵׁיינֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת", און וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַייעֶר שְׁוִויגֶער זָאגְט אִיר: "דָאס אִיז פוּן מַיין מַאמֶע"; אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין בִּבְחִינַת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אָדֶער מַאכְט חוֹזֶק - זָאל מֶען דָאס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן. וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אַייעֶר מַאמֶע און זִי זָאגְט עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט - זָאלְט אִיר עֶס נִישְׁט טְרָאגְן וַוייטֶער, אֲפִילוּ אַייעֶר מַאן דַארְף דָאס נִישְׁט הֶערְן. פַּאר אַייעֶר מַאן זָאגְט: "מַיין מַאמֶע רֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן און אַוַדַאי פוּן דִיר", און וֶוען אַייעֶר שְׁוִויגֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַ קְרוּם וָוארְט - שְׁלִינְגְט עֶס אַרָאפּ.

דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיין טֵייעֶרֶע מַאמֶע, זִי פְלֶעגְט אוּנְז אַלְץ זָאגְן: "הָאסְט אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אַ צְוֵויטְן - זָאג עֶס אִיבֶּער פַּאר יֶענֶעם, הָאסְט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט - שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ"; מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' זָאגְט אַז זִי הָאט דָאס גֶעלֶערְנְט פוּן אִיר מַאמֶע, מַיין בַּאבֶּע רָחֵל לֵאָה עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם. מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' זָאגְט, אִיךְ לֵייג צוּ נָאךְ שְׁטֶערְקֶער: "הָאסְט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט - שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ, אֲפִילוּ דוּ דֶערְשְׁטִיקְסְט זִיךְ"; עֶנְדֶערְשׁ טְשָׁאוֹ"ק זִיךְ, ווִי אֵיידֶער טְרָאגְן אַ נִישְׁט גוּטֶע וָוארְט.

אֵיין גוּט וָוארְט קֶען מַאכְן אַ שָׁלוֹם, און אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט מַאכְט מַחֲלֹקֶת, און אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פוּן מַחֲלֹקֶת, אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן קוּמְט פוּן מַחֲלֹקֶת. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יד): "כִּי כָּל הַחוֹלַאַת בָּאִין עַל יְדֵי בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת", אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן קוּמֶען פוּן קְרִיגֶערַייעֶן.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן טוּן וָואס אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעטוּן - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אִיר וֶועט זֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וִוי דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִּים.

...

### מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דֶעם; דוּ קֶענְסְט עֶס שֵׁיין מְסַדֵּר זַיין, אַרַיינְדְרֵייעֶן וְכַדוֹמֶה. דִי פֵּיאוֹת דַארְף נִישְׁט זַיין לַאנְג, דִי פֵּיאוֹת קֶענְסְטוּ מַאכְן קוּרְץ, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם שְׁנַיידְן דִי בָּארְד. קוּק דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס וִויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר אַז דוּ זֶעסְט אוֹיס וִוי אַן אָבֵל מִיט לַאנְגֶע הָאר וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיינְס אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר הָאט נָאר גֶעטוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט; ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס קוּקְט

נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר טוּט נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוּן זַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיט אוֹיף וִויפִיל מֶענְטְשְׁן טוּעֶן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם; אֲפִילוּ עֶר זָאל בְּלַייבְּן אֵיינֶער אַלֵיין וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין שְׁטָאלְץ מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקַרֵב זַיין דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁתִּחְיוּ**

אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן, יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער, הֱיוֹת מִיר וֶועלְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף הָאבְּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים וָואס וַוארְטְן אוּן הָאפְן אַז זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער זָאלְן וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה, בֶּעט אִיךְ אַייךְ יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע, צוּגֵיין צוּ אַנְדֶערֶע, זִיךְ הֵיימִישׁ מַאכְן מִיט אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צְוֵויי יָאר צוּרִיק בַּיים שַׁבָּת סִיוּם הַשַּׁ״ס. נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי צַד הַכַּלָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי יָאר צוּרִיק צוּם שַׁבָּת סִיוּם הַשַּׁ״ס, זֵיי דֶערְצֵיילְן וִוי שֵׁיין מֶען הָאט זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען, דָאס הָאט זֵיי גֶעמַאכְט קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן פוּן אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה אוּן גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דָאס וָואס מֶען טוּט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט מֶען מִיטְנֶעמֶען לְנֵצַח נְצָחִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן טִיטְשְׁן אִין בֵּית פֵּיגָא, דָאס בִּיסְל וָואס מֶען טוּט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען אִיז מְחַנֵךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער לִיבּ צוּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט - דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען לְנֵצַח נְצָחִים.

...

## אִיר מַאכְט אַזַא גֶעשְׁמַאק צוּ צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַלֶע וַוייבְּלֶעךְ זֶענֶען אַייךְ מְקַנֵא, אִיר מַאכְט אַזַא גֶעשְׁמַאק צוּ צְנִיעוּת, נָאךְ פְּרוֹיעֶן ווִיל זִיךְ אָנְטוּן צְנִיעוּת׳דִיג, דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן בֵּית פֵּיגָא ווִילְן אַלֶע זַיין צְנִיעוּת׳דִיג; מֶען קוּקְט אוֹיף צְנִיעוּת מִיט שֵׁיינְקֵייט, מִיט שֶׁעצוּנְג; מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט קַיין שְׂכַר אוֹיף צְנִיעוּת, מֶען ווִיל דִי אֵיידְלְקֵייט, מֶען הָאט דָאס לִיבּ.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין, זוֹיבֶּער אוּן רַייךְ, אַז מֶען זָאל זֵיי וֶועלְן נָאכְמַאכְן.

אוֹיךְ אַייעֶר מַאן אִיז אַזַא טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז פוּל מִיט חַיּוּת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין חַיּוּת אִין דִי אִינְגֶעלַייט.

...

## נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן זַיין אַזַא גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵּד פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי דַאוֶונֶען שֵׁיין, זֵיי לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, מַאכְן בְּרָכוֹת, פִירְן זִיךְ בִּקְדוּשָּׁה וְכוּ׳ וְכוּ׳.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט) דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

...

## נָאר מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים נֶעמְט מֶען מִיט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן אַז מִיר קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער טָאג גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיטְ׳ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן; רוֹב טָאג בִּיסְטוּ עוֹסֵק נָאר מִיט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, דָאס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אַלֶע יָארְן גֶערֶעדְט, אַז עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אִין אוּמַאן זֶענֶען יֶעצְט אַנְטְלָאפְן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, יֶעצְט אִיז דָא אַ מִלְחָמָה אִין אוּקְרֵיינָא, דֶער בּוֹיעֶר פוּן אוּנְזֶער בִּנְיָן, אַ גְרוֹיסֶער בּוֹיעֶר מִיט אַסַאךְ גֶעשֶׁעפְטְן, אוּנְזֶער בִּנְיָן אִיז נָאר אֵיינֶע פוּן

דִי בִּנְיָנִים וָואס עֶר בּוֹיט, יֶעצְט אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן פַאר זַיין לֶעבְּן, יֶעצְט הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, אַזוֹי אִיז מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע. וָואס נֶעמְט עֶר מִיט פוּן אַלֶע זַיינֶע יָארְן פוּן צוּרִיק? נָאר זַיין טַלִית וּתְפִילִין, זַיין שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, זַיינֶע שִׁיעוּרִים, צְדָקָה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁטָא; אוֹיס, גָארְנִישְׁט.

דָאס דַארְף דִיר זַיין חִיזוּק, ווייל דוּ אַרְבֶּעטְסְט צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת, דוּ הֶעלְפְסְט דֶעם מוֹסָד; דָאס בְּלַייבְּט.

...

**שְׁטַארְק זִיךְ, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גָאר גוּטֶע טֶעג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גָאר גוּטֶע טֶעג, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט. גֶעדֶענְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, עֶר אִיז גוּט צוּ דִיר. חַזֵר דִי וֶוערְטֶער (תְּהִלִּים קמה, ט): ״טוֹב ה׳ לַכֹּל״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, ״וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו״, עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶע זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּהַאלְטְן, לִייגְט דַיין יְשׁוּעָה.

אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ, אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען בַּיי דִיר אִין כִּתָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען אוֹיף וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין זוּן ...., עֶר קֶען אַזוֹי גוּט דִי עִבְרִי, אוּן בְּעִיקָר פַאר דִי יִרְאַת שָׁמַיִם; עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען בַּיי דִיר אִין כִּתָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ קֶענֶען מַרְבִּיץ תּוֹרָה זַיין, אַרַיינְלֵייגְן יִרְאַת שָׁמַיִם וּמִידוֹת טוֹבוֹת אִין דִי קִינְדֶער.

...

## אַ מְלַמֵּד מוּז גֵיין אִין מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ נֶעמְסְט בָּחוּרִים צוּ הֶעלְפְן אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן. נֶעם נָאר בָּחוּרִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, בָּחוּרִים וָואס וֶועלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ מְלַמֵּד מוּז גֵיין אִין מִקְוֶה, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער נָאר בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, דִי דְרֵיי זַאכְן: ״מְלַמְּדִים, סוֹפְרִים אוּן שׁוֹחֲטִים״ - מוּזְן גֵיין אִין מִקְוֶה; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דָאס מוּז גֶעטוּן וֶוערְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַז בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה זָאלְן דִי מְלַמְּדִים מַקְפִּיד זַיין אוֹיף מִקְוֶה, נִישְׁט קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער נָאר נָאכְן זִיךְ טוֹבֵל׳עֶן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיּוּת צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט. עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין תּוֹרָה וּמִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה, דָאס הַאלְט זִיךְ פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַנְדֶערְשׁ

ווִי וֶוען עֶס גֵייט בִּכְּפִיָ׳, גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט; דָאס הַאלְט נִישְׁט.

...

## לֵייג אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווילְיַאמְסְבּוּרְג

לֵייג אַרַיין כֹּחוֹת אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י. לֵיידֶער אִיז דֶער לִימוּד נָאכְגֶעלָאזְט; וויפִיל מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן חוּמָשׁ רַשִׁ״י - דָאס אִיז וָואס מֶען לֶערְנְט, וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער לָאזְט מֶען אָפּ דֶעם לִימוּד.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לֶערְן אוֹיךְ גְמָרָא, רַשִׁ״י אוּן תּוֹסְפוֹת מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער לֵייג אַ דָגוּשׁ אוֹיף חוּמָשׁ רַשִׁ״י. יֶעצְט קוּמְט סֵפֶר וַיִקְרָא, תּוֹרַת כֹּהֲנִים; אַז דוּ וֶועסְט דָאס לֶערְנֶען שְׁטַארְק מִיט דִי קִינְדֶער - וֶועלְן זֵיי וֶוערְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער, וַוייל ווִי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער - אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

...

## שְׁטֵיי אוֹיף דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

לְכָבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבְ׳עֶר ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווילְיַאמְסְבּוּרְג

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ פַארְ׳ן עוֹסֵק זַיין אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דִי קִינְדֶער.

שְׁטֵיי אוֹיף דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## דֶער לִימוּד פוּן שַׁבַּת הַפְסָקָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְדִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ אִיז שַׁבַּת הַפְסָקָה, פָאריגֶע וָואךְ שַׁבַּת הָאבְּן מִיר גֶעהַאט שַׁבַּת שְׁקָלִים, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבַּת הָאבְּן מִיר שַׁבַּת זָכוֹר, דִי וָואךְ אִיז הַפְסָקָה. דִי ד׳ פַּרְשִׁיּוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ׳ בָּרוּךְ הוּא, דִי וָואךְ, הַפְסָקָה - לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי גֵייט עֲבוֹדַת ה׳, עֶס הַאקְט זִיךְ אָפּ, עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת״, אִיז דִי וֶועג אַז מֶען וַוייזְט אִים הִתְרַחֲקוּת, ״וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה״, עֶס דַאכְט זִיךְ וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן אוֹיבְן, ״וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, מֶען לָאזְט אִים מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז: ״וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת״, דָאס אִיז נָאר צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט וִוי מֶען הַאלְט אִין אֵיין וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעהַאקְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; דִי שַׁבַּת הַפְסָקָה לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעהַאקְט, מֶען טָאר אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן טוּן וָואס מֶען דַארְף טוּן.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר צְוֵויי סִיּוּמִים; מִיר הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר שְׁמוֹת, חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק! שְׁטַארְקְט אַייךְ, הוֹיבְּט אָן אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם סֵפֶר וַיִּקְרָא,

יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען יִרְאַת שָׁמַיִם.

נָאךְ אַ סִיוּם הָאבְּן מִיר, מַסֶּכֶת חֲגִיגָה. דִי וָואךְ זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת חֲגִיגָה אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶּכֶת יְבָמוֹת, אַ שָׁאד נִישְׁט אַרוֹיפְצוּשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְ'ן בַּאן מִיטְן לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל יוֹם, עֶס אִיז אַ שָׁאד אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה וְכוּ' וְכוּ'; מִיר הָאבְּן דָאךְ אַ גְרִינְגֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין"; דָאס קֶען דָאךְ יֶעדֶער טוּן, זָאגְן אָן פַארְשְׁטֵיין אִיז דָאךְ אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען טוּן.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי פִיר לִימוּדִים, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ - אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ', וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פִיר לִימוּדִים אִיז מַמְשִׁיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זִיךְ.

זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ שַׁבַּת הַפְּסָקָה אִיז נָאכְאַלְץ דָא דִי ד' אוֹתִיּוֹת, דִי ד' פַּרְשִׁיּוֹת; אֲפִילוּ עֶס פַּאסִירְט אַן הַפְסָקָה זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אֵיין גוּט וָוארְט גֵייט אַרַיין טִיף אִין דִי בֵּיינֶער פַאר'ן גַאנְצְן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

גֶעדֶענְקְט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת; אֵיין גוּט וָוארְט פוּן אַ טִיטְשֶׁער גֵייט אַרַיין טִיף אִין דִי בֵּיינֶער, עֶס הֶעלְפְּט פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן; עֶס טוּט אוֹיף מֶער פוּן קְנָסוֹת, מֶער פוּן שְׁרֵייעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מִיט גוּטְנְ׳ס פּוֹעֶלְ׳ט מֶען בֶּעסֶער אוּן שְׁנֶעלֶער וִוי מִיט שְׁלֶעכְטְס״.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה, אִיר הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט, דַאוֶונְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זַיין שְׁטְרֶענְג אָבֶּער פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

טַאנְצְט מִיט אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת דֶעם נִיגוּן: ״אַה מְחַיֶ׳ צְנִיעוּת, אִיךְ הָאבּ לִיבּ צְנִיעוּת, שְׂכַּח בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי זַאךְ פוּן צְנִיעוּת, הֶעלְף אִיךְ זָאל אֵייבִּיג זַיין בִּצְנִיעוּת אוּן זִיךְ אַלְץ פְרֵייעֶן מִיט צְנִיעוּת, אוּן לִיבְּן צְנִיעוּת״.

מִיט דִי קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ זָאלְט אִיר זַיין שְׁטְרֶענְג אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, מֶען מוּז פָאלְגְן אָבֶּער עֶס מוּז זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער קֶען בַּאוַוייזְן בֵּיידֶע.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן צוּ בְּלַייבְּן טִיטְשְׁן אִין בֵּית פֵּיגָא.

...

### הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זָארְגְט זִיךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר זִיסֶע לֶעבְּן, פַאר אַייעֶר טַייעֶרֶע מַאן; אַייעֶר מַאן אִיז לִיכְטִיג און טַייעֶר, עֶר לֶערְנְט און דַאוֶוענְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוֹיךְ בֶּעטְס אִים דִי וֶוערְטֶער:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער צַדִּיקִים, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר. הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי״.

...

### זַייטְס עֶנְק מְחַזֵּק מִיט דִי אַלְטֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאף וַוייטֶער צוּ גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר דִי מְחַנְכוֹת, אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן; דִי אַרְבֶּעט וֶוערְט נָאר מֶערֶער.

זַייטְס עֶנְק מְחַזֵּק מִיט דִי אַלְטֶע שִׁיעוּרִים, עֶס זֶענֶען דָא אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן לַיין צֶענְדְלִיגֶע שִׁיעוּרִים פַאר מְחַנְּכִים און מְחַנְכוֹת, מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס; אַזוֹיפִיל חִיזוּק, עֵצוֹת און שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס קוּמֶען אָן בְּרִיוו פוּן לֶערֶערִינְס פוּן אַלֶע מֵיידְל שוּלֶעס, פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע און בֶּעסְטֶע, זֵיי

שְׁרַייבְּן אַז זֵיי זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לַיין; אַ שָׁאד דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא זָאלְן דָאס נִישְׁט הֶערְן.

אַוַודַאי ווִיל מֶען אַלְץ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר, אָבֶער אַז אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען - דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט וָואס עֶס אִיז דָא.

הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ אוּן בֶּעטְס אִים אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא - פַאר מֵיידְלֶעךְ אוּן ווַייבְּלֶעךְ.

...

## דַאוֶונֶען מִיט הַכְנָעָה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ ווִי פַאר אַ קֶענִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידָה ... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ' הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיר זֶענְט אַן אוֹיסְנַאם ווָאוּילֶע מֵיידֶל, אִיר פִירְט זִיךְ מִיט "דֶרֶךְ אֶרֶץ", אִיר בֶּענְטְשְׁט אוֹיפְ'ן קוֹל אוּן אִיר דַאוֶונְט מִיט הַכְנָעָה; דָאס מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק הֶערְן נָאר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַלֶע תַּלְמִידוֹת.

זָאגְט פַאר אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן בַּיים דַאוֶונֶען; ווֶען מֶען דַאוֶונְט דַארְף מֶען זַיין מִיט הַכְנָעָה אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט לְהַבְדִיל פוּן אַ קֶענִיג, מִיטְ'ן פוּלְסְטְן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז דָאךְ זִיכֶער ווֶען מִיר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף דָאס זַיין מִיט הַכְנָעָה.

זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִיר הָאט גָאר טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, גֶעבְּט אַ גְרוּס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

## כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְ'ן בַּאן "רַכֶּבֶת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג הַיינְטִיגֶע טֶעג צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; מִיט אֵיין טֶעלֶעפָאן קָאל קֶען מֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא. אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל צוּ דֶערְצֵיילְן - דַארְף מֶען אוֹיךְ אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי פְרֶעגְן וָואס זֵיי מַאכְן, אוּן צִי זֵיי דַארְפְן עֶפֶּעס הִילְף.

מָארְגְן זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶכֶת חֲגִיגָה; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט אוֹיפְ'ן בַּאן. עֶס פָארְט אַ בַּאן וָואס הֵייסְט "רַכֶּבֶת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אַלֶע וָואס זִיצְן אוֹיפְ'ן בַּאן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, דֶעם דַף גְמָרָא אוּן נָאךְ; אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מִיט פָארְן מִיטְ'ן בַּאן.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, זַיי שְׁטַארְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אִיךְ שִׁיק דִיר אוֹיךְ אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ.

...

## דוּרְךְ שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען אַנְדֶערֶע וֶועלְן מִיר קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין גָאר אַסַאךְ פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן אַלֶע וַוייבְּלֶעךְ פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה אוּן פוּן דִי

תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא; דֶעם שַׁבָּת וֶוען מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים, עֶס קוּמֶען אַסַאךְ פְרִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט בַּאפְרַיינְדֶעט; מֶען זָאל יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיפְנֶעמֶען שֵׁיין, זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן מִיט יֶעדְן, מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע.

מִיט דֶעם וֶועט אִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוַואְרט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בִּיטֶע דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן, מֶען זָאל שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם; אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין גָאר אַסַאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

שָׁלוֹם אִיז דִי כֵּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן מוּזְן מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, אוּן אַלֶע וָואס נֶעמֶען אַ טֵייל אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְתַּרְגֵּם זַיין אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת.**

הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא, מֶען הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט מְתַּרְגֵּם זַיין דִי הוּנְדֶערְטְסְטֶע קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מַהְפֵּכָה דִי קוּנְטְרֵסִים מַאכְן; הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים וֶועכְנְטְלִיךְ, דָאס גֶעבְּט זֵיי חִיזוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע טְרִינְקֶען

פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, דֶעם רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת. אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן מְתַּרְגֵּם זַיין, דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן.

מִיר מוּזְן דָאס טוּן, מִיר מוּזְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָּצָה. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין הֲפָּצָה; וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָּצָה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ, 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן"; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְדִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, מִיר מוּזְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה; עֶס אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע צַייט, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ, מֶען אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, מֶען פַאלְט אַוֶועק רַחֲמָנָא לִצְלָן. מִיר מוּזְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן סְפָרִים, דִי רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער"; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

אִיךְ קוּם אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גְלַייךְ נָאךְ פּוּרִים צוּ עֶנְק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, מֶען מַאכְט אַלֶע שִׂמְחוֹת פָּשׁוּט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת חֲגִיגָה, מָארְגְן הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת יְבָמוֹת. אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיטְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא; בְּנוֹסָף צוּ אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְמָרָא - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי גְמָרָא בְּגִירְסָא בְּעָלְמָא, דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): ״אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד״, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

הַיינְט נַאכְט וֶועט פָּארְקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע סִיוּם אִין יְשִׁיבָה, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ חֲתוּנָה פוּן אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, אוּן דִי כַּלָּה אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא.

קוּם קוּקְן ווִי שֵׁיין אִיז אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אָן קַיין שׁוּם נַארִישְׁקֵייטְן, דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן אַ אִידִישְׁן טַעַם. אַזוֹי הָאט מֶען חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין אַלֶע דוֹרוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּיז לֶעצְטְנְס וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי נֵייעֶ גוֹי׳אִישֶׁע מָאדֶעס.

עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן ווִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן חֲתוּנוֹת אוּן אַלֶע שִׂמְחוֹת - פָּשׁוּט, אָן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט, אָן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן; מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער. ווִיפִיל מָאל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעוָואלְט נָאכְמַאכְן - אִיז דָאס צֶעפַאלְן, ווַייל דִי פִירֶערְס פוּן אַלֶע קְהִלּוֹת זֶענֶען מְשׁוּחָד פַאר דִי גְבִירִים וָואס טוּעֶן אַלֶעס אַבִּי מֶען זָאל רֶעדְן פוּן זֵיי.

אִיךְ הָאף אַז דוּ קוּמְסְט שַׁבָּת אִינְאֵיינֶעם מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מִיר וֶועלְן הָאבְּן שַׁבָּת אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, מִיט אַ בְּרִית אוּן אַ קִידוּשׁ; מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִיזוּקִים; דוּ וֶועסְט נִישְׁט דֶערְלֵייגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַנְהָגוֹת אוֹיסְצוּנִיצְן רִיכְטִיג דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא-זָכוֹר, ט' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְדִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ שַׁבָּת זָכוֹר מֶעֶקְן מִיר אוֹיס עֲמָלֵק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, יא): "לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה" - זוֹ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק, עֲמָלֵק אִיז דָא צוּ מַאכְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִין אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" (שְׁמוֹת יז, ז - ח), אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא צְווִישְׁן אוּנְז אָדֶער נִישְׁט? אוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, - הַאלְטְן מִלְחָמָה, זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין דִי וֶועלְט "לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער קֶענִיג, אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים אַלֵיינְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק; דוּרְךְ תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִים בֶּעטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ נָאנְטֶער פְרַיינְט. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת יז, יג): "וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק", יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט טֻמְאַת עֲמָלֵק, "לְפִי חָרֶב", פִּי דָאס אִיז דִי מוֹיל, חֶרֶב, דִי שְׁוֶוערְד פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מִיטְ'ן מוֹיל טוּט מֶען אָפְּשְׁוַואכְן עֲמָלֵק.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע מִלְחָמָה, עֲמָלֵק מַאכְט קַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "אֲשֶׁר קָרְךָ" (דְּבָרִים כה, יח), עֶר מַאכְט קַאלְט, עֶר מַאכְט אַוֶועק, עֶר פַארְדְרֵייט

דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה מִיט לֵיצָנוּת אוּן טוּמְאָה, 'קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס', 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'מַיינֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְד' חַס וְשָׁלוֹם; מִיט דֶעם הַאלְטְן דִי צַדִּיקִים מִלְחָמָה, זֵיי טוּעֶן דֶערְמַאנֶען אוּן אוֹיפְוֶועקְן צוּ הַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוערְד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט, עֶר הָאט גֶעוִויזְן צוּם הִימְל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט.) עֶר הָאט גֶעוִויזְן מֶען זָאל קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען. פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גְּבִיַּת חוֹב, הֲלָכָה ג) פַארְוָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן קְלָאר אוּן דֶייטְלִיךְ: "רַבּוֹתַי מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן "מֹשֶׁה מַגְבִּיהַּ אֶת יָדָיו"? נָאר עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אַלֶעס אִיז אַזוֹי פַארְשְׁטֶעלְט, מֶען קֶען שׁוֹין אֲפִילּוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען קֶען נָאר וַוייזְן אוֹיפְ'ן הִימְל: "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער", מֶען דַארְף זוּכְן וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אִים.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט זִיךְ דֶערשְׁטִיקְט, אַ בֵּיין פוּן דִי פִישׁ אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין הַאלְז, עֶר הָאט דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם פֶענְסְטֶער אוּן גֶעקוּקְט צוּם הִימְל בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיס; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט, מֶען זָאל וִויסְן וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס דִי מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי מוֹיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְקֶען צוּ אִים.

אִיךְ וִויל עֶנְק שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן פּוּרִים, אַז אִיר וֶועט זִיךְ צַאמְקוּמֶען פּוּרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין יֶעדֶע פְּלַאץ - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאכְן גֵיין צוּ דִי עָלְטֶערְן. עֶס אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נֶעמֶען זִיךְ צַאם, מֶען טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז מִיר זֶענֶען בַּיי מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, מִיר זֶענֶען נִישְׁט בַּיי הָמָן אוּן עֲמָלֵק.

מֶען דַארְף נִישְׁט טְרִינְקֶען צוּ וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, פַארְפַּאסְן מִנְחָה, מַעֲרִיב, בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, קְרִיאַת שְׁמַע, לִיגְן אִין בְּרֶעכַאכְץ; טְרִינְקְט פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וֵויין, פוּן רֶבִּינְ'ס יַיִן הַמְּשֻׁמָּר. זַייט אַייךְ מְקַבֵּל אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען

אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי זִיסֶע שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ רֵיינֶע זִיסֶע אֱמוּנָה. וֶוען מֶען הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט - דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען לֶעבְּן שׁוֹין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִין גַן עֵדֶן.

פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי זָאלְט אִיר קוּמֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חוּמָשׁ רַשִׁ"י, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, בַּיִ"ת נִצְחִי וְכוּ'.

פּוּרִים אִיז אַ צַייט פוּן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד נוֹתְנִים לוֹ", וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיינֶע הֶענְט, עֶר בֶּעט הִילְף צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין, נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן גֶעפַאלְן - הֶעלְפְט מֶען אִים.

פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן, פוּן אַלֶע סָארְט קְרַייזְן, אַלֶע שְׁרֵייעֶן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶע רֶעדְן אֱמוּנָה, אַלֶע ווילְן זַיין גוּט. בִּפְרַט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען זֵיי טְרִינְקֶען - אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וִויל זַיין גוּט, עֶס קוּמְט אַרוֹיס דֶער אֱמֶת'עֶר סוֹד, אַז אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק.

פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן; אֲפִילוּ מִיט מֶענְטְשְׁן מִיט וֶועם מֶען אִיז צֶעקְרִיגְט - קֶען מֶען זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פּוּרִים, נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּפּוּרִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוַוארְט צוּ זֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי לִיבְשַׁאפְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט עֶס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אוּנְז (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב).

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ עֶנְק, אִיךְ קוּם גְלַייךְ נָאךְ פּוּרִים

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

"גִיוַואלְד...! אוֹי וֵויי...! וָואס וֶועט זַיין...?!" זִי וֵויינְט גֶעפֶערְלִיךְ... זִי שְׁרֵייט צוּ אִיר מַאן: "לוֹיף צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעט אַ בְּרָכָה; דָאס קִינְד אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ קְרַאנְק".

גֶעוֶוען אִיז דָאס דִי פְרוֹי פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן. פַּאסִירְט אַמָאל אַז זֵייעֶר קִינְד הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, זִי זָאגְט פַאר אִיר מַאן: "לוֹיף צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעט אַ בְּרָכָה אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה".

רֶבִּי שִׁמְעוֹן לוֹיפְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר בֶּעט: "רֶבִּי, וואוּנְטְשְׁט אָן דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק", אָבֶּער דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶוערְט זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, עֶר בֶּעט נָאכְאַמָאל: "דֶער רֶבִּי זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה, דֶער רֶבִּי זָאל וואוּנְטְשְׁן אָז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה", אָבֶּער אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר, דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג. רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֵייט אַהֵיים זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר זָאגְט זַיין וַוייבּ: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט וואוּנְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט".

רֶבִּי שִׁמְעוֹן׳ס וַוייבּ וֶוערְט זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זִי נֶעמְט אַ תְּהִילִים אוּן הוֹיבְּט אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זִי וֵויינְט, זִי בֶּעט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה״; עֶס וֶוערְט שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אַלֶע שְׁלָאפְן, אָבֶּער דִי מַאמֶע רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶעם קִינְד, זִי זָאגְט נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים אוּן נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים, זִי וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.




״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט״

אִינְדֶערפְרִי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן נֶעמְט זַיין טַלִּית וּתְפִילִין, עֶר גֵייט דַאוֶונֶען מִיט׳ן רֶבִּינְ׳ס מִנְיָן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי מִיט אַ שְׁמֵייכְל: ״יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נֶעכְטְן; וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַארְ׳ן קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אַ גְזֵירָה אַז דָאס קִינְד מוּז שְׁטַארְבְּן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן, דַיין וַוייבּ הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אוּן זִי הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן פַארְ׳ן קִינְד״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין נִגְזָר גֶעוָוארְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה, אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט תְּהִילִים - דְרֵיידְט מֶען אִיבֶּער דִי גְזֵירָה.

בס״ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
## יואל רוטה
שליט״א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש
**718-387-2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק
אום טיר

goodpointmediainc@gmail.com

# היסטארישע דורכברוך

אין די וועלט פון ערליכע

## אידישע ליין מאטריאל!

הערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

כמה מעלות טובות

## מַעֲשֶׂה'לֶעךְ

- **מעשה'לעך** וועט אריינבאקן אמונה אין די **קינדערלעך**
- **מעשה'לעך** וועט איינ-געוואוינען רעדן צו און פונעם אייבערשטן די מיילער פון די **קינדערלעך**
- **מעשה'לעך** וועט אויפבויען די דרך ארץ און מידות טובות ביי די **קינדערלעך**
- **מעשה'לעך** וועט ווייזן די ריכטיגע וועג פאר אייערע קינדער צו זיין **ברסלב'ע קינדערלעך**




ברסלב

די בעסטע משלוח מנות פאר די גאנצע משפחה

די מעשה'לעך קינדער ביכל וועט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפיצים און ביי די קרן הדפסה.

קחו ברכה אל תוך בתיכם!